STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05748

LIDER FUN MAYN LEBEN

Morris Allex

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער פון מיין לעבען

צו מיין אכציגסטען געבורטסטאג

און

דער פנקס פון וואשינגטאנער אידישען לעבען

פון

משה ב״ר צדוק אלעקס

ל״ג בעומר שנת ת״ש — 1940

וואשינגטאן, ד. ק.

ב"ה
י"א ניסן, ת"ש

April 19, 1940.

To Whom It May Concern:

I had the pleasure of reading this morning a manuscript, songs, poems and also an historic biographic sketch of the District Hebrew Beneficial Lodge, written by my old friend, Mr. Morris Alex, who will shortly celebrate his eightieth birthday. His songs are well written and are distinguished by their pathos and warmth.

I personally believe that when this book is published, all of Mr. Alex's numerous friends will be very glad to purchase such a book and will surely enjoy reading it.

Wishing all friends a most joyous Passover, I remain

Very cordially yours,
LOUIS NOVICK,
Cantor Adas Israel Congregation.



משה ב"ר צדוק אלעקס

פאָררעדע

„שווייגען איז גאָלד“.

איך קאן אייך זאגען, מיינע ליבע לעזער, אז ניט אלע מאל ווערט א פאָלקס־ווערטעל אויסגעהאלטען. דאס קאן איך אייך ווייזען פאַקטיש וואס איך האב דורכגעמאכט. דאס שווייגען קאָסט מיר גאר א סך אין מיין לעבען. איך האב איבערגעטראגען אין מיין לעבען די שרעקליכסטע יסורים; ניט איין מאל געליטען שאַנדע. דאס שווייגען האט מיך געמאכט קלענער פון דעם קלענסטען, נידריגער פון דעם נידעריגסטען, אלץ איבער דעם שווייגען. פון מיין געבורט ביז איך בין געווארען פיר יאהר אלט האב איך ניט געקאנט פיהלען אז די שפראך געהט מיר אָפּ, ווייל אלס קינד האב איך גערעדט מעהר מיט די הענט ווי מיט דעם מויל. אבער ווען איך בין אָנגעקומען צו דער „חברה מחזיקי יתומים“ אין שקלאָוו און איך האב אָנגעהויבען לערנען עברי, דאָ האב איך שוין דער־פיהלט אז די שפראך געהט מיר אָפּ... און וואס איך בין געגאנגען הע־כער אין לערנען איז מיר אלץ געווארען ערגער און ערגער. ס'איז מיר געווארען אזוי שלעכט אז ווען איך בין אלט געווארען צעהן יאהר בין איך אוועקגעגאנגען צופוס קיין מאָהילעוו, און פון מאָהילעוו קיין באברויסק. פון שקלאָוו קיין מאָהילעוו האב איך גוט געוואוסט דעם וועג. אלס א חברה אינגעל פלעגען מיר חברה אינגלעך דארפען באגלייטען אלע לויות ביז צום בית־עלמין און שרייען דעם גאנצען וועג „צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו“, און דער בית־עולם איז געווען אויף ראשקיקע, אויף מאָהילעווער וועג. פלעג איך זיך אלע מאָל צוקוקען צום וועג פון מאָהי־לעוו קיין באברויסק, בין איך נאָכגעלאפען די בעלי־עגלה וואס זיינען געפאהרען קיין באברויסק. געקומען קיין באברויסק האבען מיר די בעלי־עגלות איבערגעלאזט אין מיטען מאַרק און אליין זיינען זיי אוועקגעפארען זייער וועג. ניט וויסענדיג וואס צו טאן, הונגעריג, מיט צוויי געשוואָלענע פיס, לויפענדיג אויף די שטיינדלעך פון דעם שאָסיי מיט די באָרוועסע פיס, עלענד אין א פרעמדער שטאדט, האב איך אָנגעהויבען וויינען. איז צוגעקומען צו מיר א אינגעל וואס האט ארומגעטראגען אייז־וואסער. צו פארקויפען, א האלבע קאָפּיקע א גלאז וואסער, און פרעגט מיר וואס איך וויין. וויינענדיג דערצעהל איך איהם אלעס, אז איך בין ערשט געקומען קיין באברויסק און איך האב ניט קיינעם צו וועמען צו געהן. איך בין זעהר הונגעריג. דאס אינגעל האט אויף מיר רחמנות געהאט, ווי עס פיהרט זיך אז איין קבצן האט רחמנות אויף דעם צווייטען קבצן... ער האט מיר געקויפט א שטיקעל ברויט מיט הערינג און איך האב אפּגעגע־סען. דערווייל זאגט ער: „קום מיט מיר וועסט מיר העלפען טראגען דעם עמער וואסער מיט אייז“. איך בין געווארען א שותף צום געשעפט. דער־ווייל האב איך געפונען א ישיבה, האב איך אוועקגעווארפען מיין שותף

מיט דעם עמער אייז-וואסער און בין געגאנגען זוכען בעסער לערנען אין דער ישיבה. ארײנקומענדיג אין דער ישיבה האב איך געטראפען עטלי־כע בחורים זיצענדיג ביי לאנגע טישען ארײנגעלייגט די קעפּ איבער די גמרות. די בחורים האבען מיך באלד באמערקט און געפרעגט וואס איך וויל. „איך וויל לערנען“, האב איך זיך צוואווינט מיט ביטערע טרערען. דער ראש ישיבה, א איד מיט א שעהנער ווייסער בארד וועלכער איז געזעסען אויבענאָן מיט די בחורים, האט מיר איבערגעפרעגט ווי איך האלט אין לערנען. איך האב איהם אלץ דערצעהלט, אז איך קום פון שקלאָוו, אז איך האב געלערענט אין דער חברה יתומים און האב שוין געלערענט גמרא. ער האט מיך פארהערט און איך בין געבליבען לערנען אין דער ישיבה. ווען איך האב געלערענט פאר זיך אליין פלעג איך אויסזינגען די גמרא מיט א ניגון אבער ווען דער ראש ישיבה פלעגט מיר געבען א נעם איך זאל איהם איבערזאגען די גמרא בין איך געווארען ווי שטום, און דאָ האט זיך ערשט אנגעהויבען די ריכטיגע צרות. איך האב דערפיהלט אז איך דארף אויפגעבען דאס לערנען, און צו עלף יאהר אלט האב איך זיך אוועקגעלאזט וואנדערען אין דער גרויסער וועלט. איך האב דורכגעוואנדערט א גרויסע שטיק וועלט פון שקלאָוו, רוסלאנד, ביז וואשינגטאן, די קעפּיטאל פון אמעריקא.

איך האב פארלאזט שקלאָוו צו עלף יאהר און בין געקומען קיין אמעריקא צו 40 יאהר. שקלאָוו האב איך פארלאזט אלס א ישיבה בחור און בין געקומען קיין אמעריקא גאר א שניידער.

דער גאנצער לעבען איז מיר געווען א לאנגער צעטעל פון צרות... יסורים... אָהן א שיעור, נאָר דערפאר וואס איך האב באדארפט יעדען פארשווייגען. איך קאן אייך זאגען אז מיין שווייגען איז געווען זעהר ווייט פון גאלד...

און נאך אזא שטורעמדיגען וואַנדערען האב איך ניט געוואוסט אז מיין שרעקליכער שיקזאל איז מיר פארלאָפען דעם וועג און וואַרט אויף מיר. אין באלטע, רוסלאנד, האט זיך אָפּגעשפּילט א שטיק דראמא פון מיין לעבען. וואנדערענדיג האב איך זיך אפּגעשטעלט אין באלטע מיט מיין ערשטע פרוי און צוויי קליינע קינדער און איך האב שוין גע‌דיינקט צו מאכען מיין היים, און פלוצלונג איז מיין פרוי קראנק געווארען און איז שוין פון דער קריינק ניט אויפגעשטאנען, און זי האט זיך איהר אמת'ע אייביגע היים אין באלטע, און איך בין געבליבען עלענד מיט צוויי קליינע קינדער, נאָר דאָ האב איך זיך באקאנט מיט זעהר א פיינע פאמיליע, ר' יהודא לייב וואַרט מיט זיין פרוי רחל, זיי זיינען שוין ביידע אויף דעם עולם האמת, און זיי האבען גענומען אין מיר א גרויסען אינטערעס און זיי האבען מיר חתונה געמאכט מיט מיין איצטיגער פרוי, גאָלדע, מיט וועלכער איך דארף שוין אין גיכען פייערען מיין גאָלדענע חתונה.

איך האב אוועקגעוואנדערט מיט מיין ליבע פרוי גאָלדע מיט די קינדער קיין אמעריקא און איך האב זיך געמאכט מיין היים אין וואשינג־טאן, און דאָ האב איך זיך נאכאמאל געטראפען מיט דער פאמיליע וואָרט און דאָ האבען מיר שוין געלעבט אינאיינעם פריינדליך ביז זיי זיינען געשטארבען ביידע, אין וואשינגטאן, און מיט זייערע אלע קינדער האלטען מיר זיך פאר גוטע פריינט ביז היינטיגען טאג.

ווען איך האב זיך געמאכט מיין היים אין וואשינגטאן, אין 1901, האב איך געמאכט אן ענדע פון מיין וואנדערונג און איך האב ווייטער דערפיהלט די צרות פון מיין שווייגען, ווייל איך האב זיך אריינגעווארפען אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען, פלעגט מיר ניט איין מאל אויסקומען זעהן די אומרעכט פון אייניגע פיהרערס און איך האב געמוזט זיצען און שווייגען. נאָר שפעטער מיט א פאר יאהר האב איך זיך באקאנט מיט איינעם, אויך נאָר וואס אריבערגעקומענעם און ער האט געפונען אין מיין שווייגען גאר א סך... און איז מיין איצטיגער איינציגער פריינט פון אמאל ביז היינט, אברהם טאַש. די גאנצע 27 יאהר ארבייטען מיר צו־זאמען אין אלע אונטערנעמונגען אין געזעשאפטליכען לעבען. מיר הא־בען געגרינדעט אייניגע אינסטיטושאנס אין וואשינגטאן, אבער אונזער גאנצע ארבייט האבען מיר אוועקגעגעבען צו דעם דיסטריקט אָף קאָ־לאָמביא לאדזש. דאס איז געווען אונזער ליבלינג לאדזש און מיר האבען דערלעבט עס צו זעהן אזוי גרויס און אזוי שטארק אויסגעוואקסען, און אונזער ארבייט איז ניט ארויסגעווארפען.

ווען עס האט מיך געטראפען דער גרויסער אומגליק, ווען מען האט מיך געבראכט אין האספיטאל און איך האב נאך געהאט מיין געדאנק אין זיך איידער איך האב פארלארען מיין באוואוסטזיין, האב איך נאָר דער־מאָנט מיין פריינט'ס נאמען, אברהם טאַש, מעהר האב איך ניט געדיינקט. ער האט גענומען אין מיר א שטאַרקען אינטערעס און ער האט מיר גע־געבען די ערשטע הילף. דער לאדזש אליין האט גענומען אין מיר א גרוי־סען אינטערעס. איך האב אויסגעפונען אין מיין לאנגער קראנקהייט ווער עס זיינען מיינע אמת'ע גוטע פריינט.

איך באלאנג שוין אין לאדזש אריבער 30 יאהר; איך האב שווייגענ־דיגערהייט אויפגעטאן גאר א סך ארבייט פאר דעם לאדזש; איך האב דורכגעלעבט פילע פרעזידענטען; אייניגע פרעזידענטען מיט אביסעלע מעהר פארשטאנד האבען געוואוסט צו שעצען מיין ארבייט, זיי האבען פארשטאנען די ווערטער „לא המדרש עיקר אלא המעשה" און באצאהלען מיר זעהר גוט ביי מיין איצטיגען אומגליק אויף דער עלטער. דער לאדזש נעהמט אין מיר אן אינטערעס ביז היינט צו טאג. איך גיב מיין הארציגען דאנק דעם דעמאלסדיגען פרעזידענט, הערי פארעצקי, ביז דעם לעצטען פרעזידענט פאר די 20 יאהר, היימאן קאהען, און אויך מיין

דאנק פון טיפסטען הארצען צו די אלע וואס האבען זיך אינטערעסירט מיט מיר, דאס זיינען: משה גארפינקעל, אברהם טאַש, משה פליישמאַן, בערנארד דאנזאנסקי, הערי בעקער, סעם קרייזעל, מאקס גאָרין, און נאך אייניגע. איך קאן ניט געדיינקען אלעמען אבער איך דאנק אייך אלע מיינע שוועסטער און ברידער פון לאדזש וואס האבען מיר געהאלפען מאכען א סוקסעס מיט מיינע צוויי סקעטשעס.

אויך א הארציגען דאנק פון מיין טיפסטען הארצען דעם גרויסען מענשען-פריינט טשארלס ראפאפארט, ער פלעגט זיצען לעבען מיין בעט אין האספיטאל אלע נאכט אין די גרעסטע פרעסט, אין די גרעסטע קעל-טען, און פלעגט זיין דער לעצטער צו געהן אהיים. ער האט אמת מקיים געווען די מצוה פון ביקור חולים.

מיט די לידער פון מיין לעבען וויל איך איבערלאָזען אן אנדענק פון דעם שרעקליכען אומגליק וואס האט מיך געטראפען דעם 6טען דעצעמ-בער, 1933—י"ח כסלו שנת תרצ"ד—און איך וועל אויסדריקען מיין האר-ציגען דאנק צו אלע מיינע גוטע פריינד וואס האבען גענומען א גרויסען אינטערעס אין מיין שרעקליכע לאגע און אויך צו דער קאמיטע וואס האט דורכגעפירט דעם סקעטש „אליהו הנביא" וואס איך האב אליין געשרי-בען ליגענדיג קראנקערהייט אין בעט, און אויך צו די וואס האבען גע-שפילט דעם סקעטש: דר. טשארלס גארדאן ע"ה אלס שמעריל, מים גאר-דענהויז אלס גנענדעל און מארים דריבין אלס אליהו הנביא. אויך דעם צווייטען סקעטש וואס איך האב אנגעשריבען „זיי ווילען א זוהן א דאק-טאר" מיט דר. טשארלס גארדאן ע"ה אלס טאדרעס, מים גארדענהויז אלס טעמע און מר. גאלדענבערג אלס סעם.

איך דאנק אויך פון מיין טיפסטען הארצען אלע מעמבערס פון דעם דיסטריקט אָף קאלאמביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן וועלכע זיינען געקומען די ביידע אבענדען און האבען מיר געמאכט צו פיהלען אז מיין ארבייט איז זיי אנגענעם און האבען מיר ארויסגעהאלפען סיי מאראליש סיי פינאנציעל.

ברידער איך קאן שוין אין לאדזש ניט ארבייטען מעהר,\
ניטא דער כח, ניטא דער מח וואס איז געווען.\
איך האב געארבייט פאר דעם לאדזש זעהר שווער\
ביז איך האב דערלעבט דעם ערפאלג צו זעהן.

משה ב"ר צדוק אלעקס.

מר. בערנארד דאנזאנסקי איז איינער פון די טיכטיגסטע טוער אין וואשינגטאן. ער איז דער גרינדער פון דעם מושב זקנים, און די אלטע איינוואהנער פון דעם דאזיגען אינסטיטושאן רופען איהם „דער טאטע פון מושב זקנים“. ער איז אויך דער גרינדער פון דעם דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש אונטער דעם באלטימארער ארדען ברית שלום. ער איז אויך איינער וואס נעמט א גרויסען אינטערעס אין אלע וויכטיגע קאמפיינס פאר אלע אידישע צדקה אנשטאלטען און אויך אין ציוניסטישע אנ-געלעגענהייטען.

אנשטאט א פאָררעדע

דער מחבר פון דעם בוך, „לידער פון מיין לעבען", משה אלעקס, צו זיין אכציג יאהריגען געבורטסטאג, פארדינט דעם פולען צוטרויען פון אלע זיינע גוטע פריינט און באקאנטע. ניט אלס פראָפעסיאנעלער שרייבער האט ער געשריבען נאך א בוך. ער וויל אונז ווייזען אז צו אכציג יאהר איז ער נאך בעסער פעהיג ווי צו זיינע זיבעציג יאהר, ווען ער האט געשריבען זיין ערשטען בוך. אין דעם בוך „לידער פון מיין לעבען" זינגט ער אוים די טיפקייט פון זיין נשמה; ער גיט איבער זיין גאנצען לעבען וואס ער האט דורכגעמאכט, דורכגעוואָנדערט דאס גאנצע לעבען אין לידער און געזאנג, אויף א העכסט רעאליסטישען אופן. דאס דארף זיין יעדער פריינט לייענען און פארשטעהן. איך נעם זיך די פרייהייט צו זאגען אז עס איז ווינשענסווערט אז יעדער פריינט פון משה אלעקס מוז האבען דעם בוך ביי זיך אין הויז, צו האבען אן אנדענקען פון זייער אלטען פריינט, וועלכער האט דערלעבט צו פייערען זיין אכציגסטען געבורטסטאג. דארום בעט איך אייך: קויפט א בוך.

מיט גרוים דרך ארץ,

בערנארד דאנזאנסקי.

משה גארפינקעל

דער גרויסער וואשינגטאנער בעל עסקן און כלל טוער, עקס-פרעזידענט פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן און אויך פרעזידענט פון דער וואשינגטאנער אגודת הקהלות פאר 1930. ער איז א מעמבער פון אלע געזעלשאפטליכע און אויך אלע טשאריטי אינסטיטושאנס. ער איז אויך זעהר איבערגעגעבען צו אלע פרעמדע משולחים וועלכע געהן דורך וואשינגטאן. ער העלפט זיי קלייבען פאר אלערליי ישיבות און איז אן אמת'ער עסקן בצרכי צבור.

איך האב געלייענט דעם צווייטען בוך פון מיין פריינט משה אלעקס, „לידער פון מיין לעבען", צו זיין אכציגסטען געבורטסטאג, און איז זעה אז ער באזיצט א זעלטענעם טאַלאַנט. א חוץ וואס ער גיט איבער זיין גאנצען לעבען אין לידער געפינט זיך נאך דארטען אויך די גאנצע הים־טאריע פון דעם דיסטריקט אָף קאלאמביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן. ער בלעטערט דורך דאס גאנצע לעבען פון לאדזש—פון 1918 ביז 1940. אויך געפינט זיך אין בוך דער פנקס פון דעם וואשינגטאנער אידישען לעבען, אויך איז אין דעם בוך פאראן דריי סקעטשעס וואס ער האט געשריבען אין דער צייט וואס ער איז געלעגען א צובראָכענער א יאהר אין בעט, און איך קאן זיך ניט צוריקהאלטען פון אויסדריקען מיין באַוואונדערונג דעם גרויסען טאַלאַנט צו אכציג יאהר צו שרייבען אזא בוך.

איך בעט אלע ברידער און שוועסטער פון דעם דיסטריקט אָף קא־לאמביא לאדזש צו קויפען און האבען דעם בוך אין הויז אלס אן אנדענק אויף אייביג...

חזן זאב וואלף טאַש.

א פּאָר ווערטער פון א פריינט

דער היינטיגער קאפּיטעל, וואס איך שרייב שוין דאס צווייטע מאל צו מיין פריינט'ס צווייטען בוך, איז מיר פונקט אזוי אַנגענעם צו שרייבען ווי ס'וועט זיין אנגענעם פאר דעם לעזער צו לייענען.

איך מוז אויסשפּרעכען מיין מיינונג. ווען איך רייד פון זיינע 80 יאהר, וויל איך זאגען אז 37 יאהר געהערען צום לאדזש. דער בעל שמחה, משה אלעקס, האט אוועקגעגעבען 37 יאהר פון זיין לעבען צו דער פארגרעסערונג און פארשטארקערונג פון דעם דיסט־ריקט אַף קאלאמביא לאדזש. ער איז איינער פון די וואס האבען גע־לייגט די פונדאמענט-שטיינער. ער איז איינער פון די אקטיוויסטע און ענערגישע בויער פון דעם דיסט־ריקט אַף קאָלאָמביא לאדזש. משה אלעקס ווערט 80 יאהר. ווען מען צעהלט די יאהרען איז דאס אלט, ער קאן זיך שוין רעכענען פאר א זקן. אבער ווען מיר זעהן זיין צווייטען בוך—לידער פון מיין לע־בען—איז ער נאך גאָר יונג אין גייסט און אין ענערגיע. משה אלעקס האט אונז באעהרט מיט צוויי ביכער—איינעם צו זיינע 70 יאהר, אין 1930, און איצט דעם צווייטען בוך, צו זיינע 80 יאהר, אין 1940. דארפען מיר אלע ברידער זעהן אז דער בוך זאל האבען אַן ערפאָלג. ווי איהר ווייסט, אז א שרייבער מאכט א בוך האט ער צוויי פּראָבלעמען—א מאראלישען און אויך א פינאנצ־יעלען. איך קאן עדות זאגען אז מיין פריינט משה אלעקס האט זעהר פיל אויפגעטאן פאר דעם לאדזש. ער האט קיינמאל ניט גערעדט אין לאדזש, אבער ער האט זעהר פיל געטאן פאר דעם לאדזש, און איך ווינש איהם פיל גליק צו זיינע אכציג יאהר. ער זאל בלייבען יונג אין גייסט און אקטיוו אזוי ווי היינט. ער זאל נאך קאנען שרייבען נאך א בוך.

אברהם טאַש

מיט גרויס דרך ארץ,

אברהם טאַש.

מיין בוך

עס טרעפען זיך מיר שרעקליכע מינוטען
ווען דאס לעבען ווערט נמאס; איך פיהל
עס ווערט מיר פארקילט מיינע בלוטען,
איך קלער: וואס איז געווען אין לעבען מיין ציל.

אין מיין פארצווייפלונג זיץ איך און טראכט,
פריינדשאפט פון אימיצען איך זוך.
ווען איך פאַל אריין אין פחד פון דער נאכט
דאן געפין איך מיין טרייסט אין דעם בוך.

מיין שווערער לעבען איז אין צער פארגאנגען,
וואס האב איך אין מיין לעבען אפגעשפארט?
דער פארגעניגען פון מיין בוך האט מיך געפאנגען,
דער בוך פארנעמט אין מיין לעבען דאס גרעסטע אָרט.

מיט פארגעניגען שלינג איך וואָרט ביי וואָרט,
איך בין ניט אליין מעהר מיט זיך.
אין מיין לעבען געוואנדערט פון אָרט צו אָרט,
געבלאָנדזשעט מיט אנדערע פונקט ווי איך.

אין לעבען האב איך געהאט פילע שלאַכטען,
אמאל פארלארען, אמאל געזיגט.
די ענדע פון מיין לעבען האלט איך אין טראכטען,
דער בוך האט מיך אין פארגעניגען פארוויגט.

מיין וואַנדער לעבען

ווען איך בין
געקומען צו מיין צעהן יאהריגען פארשטאנד
האב איך זיך צום וואַנדערען גענומען;
מיט דעם וואַנדער-שטעקען אין דער האנט—
וואַנדער . . . וואַנדער . . .

וואַנדערענדיג
האב איך אָפּגעהיט אלץ וואס איז פארבאָטען,
געגאנגען מיין לעבענס-וועג טריט ביי טריט
מיט בלוט און טרערען איז מיין לעבען דורכגעקנאָטען.
ניט אָנרירען דעם צווייטען האב איך שטענדיג אָפּגעהיט.
וואַנדער . . . וואַנדער . . .

געצעהלט
מיט רעכענונג מיינע וואָכען—טעג—שטונדען—
געקוקט אויף דעם לעבען מיט אויגען קלאָר.
איך פיהל נאך פון דער יוגענד די וואונדען
צום געבורטסטאג פון מיינע אכציג יאהר.
געוואַנדערט . . . געוואַנדערט . . .

געוואַנדערט
אין דעם לעבען געלערענט זעהר פיל,
געקלערט—געזוכט—טעג מיט נעכט
צו געפינען גערעכטיגקייט איז געווען מיין ציל.
איך האב געפונען זעהר פיל אומרעכט—
געוואַנדערט . . . געוואַנדערט . . .

א פּאָר ווערטער צו מיינע פריינט
צו מיין אכציגסטען געבורטסטאג

פריינדע, איך וועל אייך געבען א קורצען איבערבליק,
ניט קיין סך, מיט פערציג יאהר צוריק,
ווען די שיף האט מיך צום טרערען-אינזעל געבראכט
האב איך באלד דאס ערשטע געגעבען א טראכט:
גאט, ווען קאן דער גרויסער נס געשעהן
איך זאל מיין פאמיליע נאך אמאל זעהן.
איך האב פון גארנישט געקאנט דיינקען,
נאך מיין פאמיליע האב איך געטאן בייצקען.
ס'איז מיר באפאלען א חרטה א שרעק,
איך בין אזוי ווייט פון מיין פאמיליע אוועק.
איך קאן אייך פריינדע זעהר פיל זאגען,
איך האב געהאט פילע אורזאכען צו זארגען.
געקומען אין א לאַנד, האב קיינעם ניט געקאנט
און דערצו נאך אין גאנצען מיט ליידיגע הענט.
איך האב פארמאָגט זעקס סענט מזומן אין האנט,
מיט דעם בין איך געקומען אין גאָלדענעם לאַנד.
פונדעסטוועגען האב איך איין זאך געהאט אין זינען
אז איך וועל אין אמעריקא מיין היים געפינען,
ווען דאס לעבען וועט מיר עטוואס בעסער אוועקגעהן
זאל איך ניט לעבען א לעבען פאר זיך אליין.
אין וואשינגטאן האב איך מיר מיין היים געמאכט
און דאָ האב איך מיין ליבע פאמיליע געבראכט.
איך האב זיך ארייגעוואָרפען אין געזעלשאפטליכען לעבען
און דאס האט מיך א שטאַרקען מוט צוגעגעבען.
איך האב שטענדיג מיטגעפיהלט דעם צווייטענס לייד
אויך זיך געפרעהט מיט דעם צווייטענס פרייד.
איך האב קיינמאל ניט געלעבט נאָר פאר זיך,
ניט איינמאל פארבויגען מיין אייגענעם איך.
די קלוגע ווערטער פון די חכמים האב איך געהאט אין זינען:
„וואַרף דיין ברויט אויפ'ן וואסער, דו וועסט דאס אמאל געפינען".

איך האב דורכגעמאכט פאר די אכציג יאהר זעהר פיל,
צו האבען נאר פריינד איז געווען מיין ציל.
איצט זעה איך צו דער עלטער ענדליך
אז גאט'ס נסים איז אומפארשטענדליך.
איך האב אויסגעלעבט אין וואשינגטאן אלע מיינע יאהרען,
איך האב אויסגעפעהלט צו זעהן דעם שרעקליכען צאָרן,
דעם פייער וואס היטלער האט אין דער וועלט אָנגעצונדען
און האט דעם אידען אין דער פייער־פּאַסטקע געבונדען.
גאָטעניו, ווייז דיין נס אז מיר דיינע קינדער זיינען ביי דיר טייער
היטלער ימח שמו זאל פארברענט ווערען אין זיין אייגענעם פייער.

צום אנדענקען פון מיין פריינט אברהם פאווים

ווען איך האב זיך מיט מיין פריינט פאווים'ן באגעגענט
פלעגט ער מאָהלען דאס לעבען מיט די שעהנסטע פאַרבען.
צום לעצט האב איך זיך מיט פריינט פאווים'ן ניט געזעגענט,
איך האב זיך ניט גערוכט אז פאווים וועט אזוי גיך שטאַרבען.
ווען איך פלעג מיין פריינט פאווים זעהן,
מיין פארגעניגען איז געווען מיט איהם צו ריידען.
ער איז מיין אינציגער בעסטער פריינט געווען
וואס פלעגט מיר פארגרינגערען מיינע ליידען.
איך קאן מיין אומעט ניט פארטרייבען,
טרייסטען זיך וועל איך קיין מאל ניט קאנען.
דיין אנדענקען וועט מיר אויף אייביג פארבלייבען—
איך וועל דיך שטענדיג—שטענדיג דערמאָנען.
ווען איך וויין זיך אויס היינט
ווערט מיר גרינגער פאר דעם מאָרגען.
איך בעט ביי גאט פאר מיינע פריינט
זאלען קאנען פאר מיר זאָרגען.

א תפילה צו גאט

פון אברהם פאווים*

מיט טרערען און מיט א שטילען וועהטאג
בעט איך גאט: פארהייל די וואונד
פון אונזער גוטען אלטען משה אלעקס,
מאך איהם נאך אמאל געזונד.

גיב איהם כח ער זאל ווידער שפּאַנען
פאר דעם וואהלזיין פון זיינע ברידער;
גיב איהם כח ער זאל ווייטער קאנען
דינען דער מענשהייט און אויך זיינע ברידער.

יענעם העלפען איז געווען זיין פארגעניגען,
דאָס איז געווען זיין גרעסטער גליק;
אָ, גאט, גיב איהם געזונט און יאהרען,
גיב איהם גאט זיין פארגעניגען צוריק.

ער ווערט היינט 75 יאהר, מיין בעסטער פריינט,
אלט—דאך זינגט די יוגענט אין זיין ברוסט.
ער האט נאך אין זיך די לעבענסקראפט
וועלכע רייסט זיך צום לעבענס-לוסט.

ער האט אין לעבען ווייניג נחת געהאט,
געפירט דעם לעבענס-קאמף זעהר שווער;
אין צרות און שמערץ איז ער געווען זאַט
און דאָך מיט א שמייכעל געלאזט א טרער.

גאט, דו ביזט אן אל רחום וחנון,
שיק דיין הילף, מאך איהם געזונד;
האב רחמנות אויף מיין אלטען פריינט,
העלף איהם ווי א פאטער העלפט א קינד.

מיט טרערען און מיט א שטילען וועהטאג
בעט איך דיר גאט, פארהייל די וואונד
פון מיין אלטען פריינט משה אלעקס,
מאך איהם נאך אמאל צוריק געזונד.

---

*דאס האט אברהם פאווים געשריבען ווען ער איז נאך געווען געזונד און שטארק, צו מיינע 75 יאהר. מיר האבען זיך קיינער ניט גערעכט אז ער וועט אזוי גיך פון אונז אוועקגעריסען ווערען.—משה אלעקס.

אל תשליכנו לעת זקנה, ככלות כחנו אל תעזבנו

ווארף מיך ניט אוועק, גאטעניו, אויף דער עלטער פון דיר,
איך האב געטאן אלץ וואס דיין הייליגער געבאָט הייסט.
פארלאָז מיך ניט אויף דער עלטער ווען מיינע כחות געהן אויס מיר
די האפענונג צו דיר, גאָטעניו, איז געווען מיין אייביגע טרייסט.

איך האב קיינעם ניט א שלעכט וואָרט געזאגט,
איך האב געארבייט שווער מיינע אלע טעג;
נאָך כבוד, נאָך רייכקייט זיך ניט געיאָגט,
דורכגעגאנגען שטיל מיין גאנצען לעבענס-וועג.

מיין לעבען איז געווען פאר מיר שווער, האַרט,
דורכגעגאנגען ווי אין חלום, ניט אויף דער וואָהר;
ניט איינמאָל אין מיין לעבען זיך אפגענאַרט,
אזוי האב איך אפגעלעבט באלד אכציג יאהר.

דער נעכטען איז ניט געווען בעסער ווי דער היינט,
דער מאָרגען ווייזט אויך ניט אזוי ליכטיג קלאָר.
איינציגוויים שטארבען אוים מיינע יונגע פריינט,
מען בלייבט עלענד אָהן פריינט צו די אלטע יאהר.

איך האב אין מיין לעבען פיל איבערגעטראגען,
ניט איינמאל האט מיר ביים הארצען פארקלעמט.
איך האב ניט איינמאל געהאט זיך צו באקלאָגען,
ניט איינמאָל געבליבען בושה'דיג פאַרשעמט...

בזעת אפיך תאכל לחם

מיט דעם שוויים פון דיין פנים זאלסטו דיין ברויט עסען
דאן וועסטו דיין זינד קיינמאל ניט פארגעסען.

אויף דור דורות איז געבליבען דער אָנזאָג,
דער מענש ארבייט שווער ביז היינטיג טאג.

די ווערטער איז פאר אלעמען גלייך געשריבען,
נאָר פאר דעם ארבייטער זיינען זיי געבליבען.

פון דער פארגאנגענער צייט ביז דער איצטיגער צייט
איז דער שטאַרקער אויף דעם שוואַכען רייט.

דער ארבייטער פארברייננגט זיין גאנץ לעבען אין נויט
כאטש ער ארבייט שווער אויף זיין ברויט.

ער האט קיינמאל ניט וואס ער באגערט,
ער נעמט דאָס אָן אז אזוי איז באשערט.

אזוי געהט דאס לעבען אין דאגות אוועק
ביז ער געפינט דעם ריכטיגען וועג.

פאר דעם אָרימאן איז דאס גאנצע לעבען ניט וויכטיג,
עס איז איהם שטענדיג פינסטער, קיינמאל ניט ליכטיג.

אזוי געהט אוועק דער טאג, אזוי געהט אוועק א נאַכט,
דער אָרימאן האט קיינמאל ניט וואס ער פארטראכט.

מיינע אמת'ע פריינט*

מיין לעבען איז ווי מיט א שלייער פארצוייגען,
ניט געהאט קיינמאל ניט מיין באַגער.
ניט געזוכט קיין הילף, יענעמס טרער,
אלעס איז ווי אין חלום פארפלויגען.

געלעבט פאר זיך שטילערהייט,
געזוכט אליין דעם ריכטיגען וועג;
געוואַנדערט, געליטען, גאר אָהן א ברעג,
דורכגעטראגען זעהר פיל לייד.

מיין גאנצען לעבען האב איך שטענדיג געבייַנקט,
איך פלעג טאג און נאַכט נאָר קלערען
א פריינדליכען וואָרט פון אימיצען צו הערען—
פון אמת'ע פריינט שטענדיג געדיינקט.

אויף דער עלטער האט מיר גאט געגעבען
די זון האט פאר מיר ליכטיגער געשיינט,
איך האב געפונען מיינע אמת'ע פריינט
צו דער עלטער פון מיין לעבען.

---

*געווידמעט מיינע פריינט וועלכע האבען גענומען א גרויס אינטערעס אין מיין עקסידענט.

געזונט איז בעסער ווי געלט *

ליגענדיג אין בעט פיהל איך זעהר מיד,
דאכט זיך מיר, עס איז שוין זעהר לאנג;
עס ברעכט אין מיר יעדער גליד,
ליגענדיג בין איך מקנא יעדענס גאנג.

איך טראכט טאג אוים, טאג איין,
טראכטענדיג דרעהט זיך מיר דער קאָפּ,
דאס קאָן שוין ערגער ניט זיין,
ווען מען הויבט אָן פאַלען אראָפּ.

זעהר שווער לאנג צו קריינקען,
פון פריינט ווערט מען פארגעסען;
ליגענדיג הויב איך אָן צו דיינקען
אז איך האב זיך שוין צוגעגעסען.

איך ליג און טרייסט זיך אליין,
כ'וועל קאנען געהן מיט אלע גלייך;
איצט קאָן איך פארשטעהן
אז געזונט איז בעסער ווי רייך...

*צום אנדענקען פון מיין גרויסען עקסידענט, 6טען דעצעמבער, 1933.

באדענק זיך מענש

באדיינק זיך מענש וואס הייסט לעבען,
האסטו זיך אמאל וועגען לעבען געקלערט?
זאלסט זיך אליין אן ערקלעהרונג געבען
וואלסטו געוואוסט פון דעם לעבען דאס ווערט.

באדיינק זיך ווי דאס לעבען איז שעהן.
דער מענש איז איבער אלץ דער האַר;
ווען מען ווייסט ניט ווי מיט דעם לעבען אָנגעהן
באצאהלט מען זעהר טייער דערפאר.

געדיינק די ווערטער פון אונזער גרויסען פּאָעט,
פארשטעה פון די ווערטער דעם זינען:
איידער א טויטער לייב... בעסער א הונט וואס לעבט,
דאַן ועסטו דאס שעהנע אין דעם לעבען געפינען.

דער עלענדער אלטער

איך בין אין מיין לעבען גענוג אויסגעשטאַנען,
אויף דער עלטער געה איך ארום און טראכט:
איז פאר מיר נאָך א האפענונג פאראנען?
וואס האט מיך ביז איצט דער עלטער געבראכט.

איך בין אויף דער עלטער ווי דערשלאָגען,
אַלט... עלענד... די נויט איז זעהר גרויס;
דאס הארץ הויבט אָן שטאַרק צו נאָגען,
מיינע לעצטע ביסעל כחות געהן מיר אויס.

די עלטער האט מיר שטארק איינגעבויגען,
פאר מיר איז שוין אלעס אויסגעשפּילט;
דאס לעבען איז פאר מיר ווי א שלייער פארצויגען,
דאס הארץ איז מיט וועהטאגען אָנגעפילט.

איך טראכט וואס פון מיר איז אויף דער עלטער געווארען,
איך כאפּ שוין אין אלע מיינע אברים א ציטער;
זיך ניט געריכט אז אויף די אלטע יאהרען
זאל דער שיקזאל זיין צו מיר אזוי ביטער.

פארוואָס?

די פראגע פרעג איך מיין גאנץ לעבען:
פארוואס איז דעם שלעכטען גוט, דעם גוטען שלעכט?
פארוואס האט גאט דאס אָרימקייט געגעבען
צו מוטשען דעם קבצן און בלייבען גערעכט?

פארוואס—דאס קאן איך גארניט שרייבען—
צייטענווייס האב איך א גרויסען פארדראָס—
פארוואס זאל דער גוטער דארפען ליידען
און דעם שלעכטען זאל זיין גוט—פארוואס?

די זילבערנע חתונות

(געווידמעט מיינע פריינט מר. און מרס. מאקס סיידעל, מר. און מרס. בעני נייפעלד, מר. און מרס. איזידאר שניידער).

דורכלעבען 25 יאהר איז זעהר שווער,
דערלעבען די זילבערנע חתונה איז א טייערע זאך;
ניט איין מאל פאר דער צייט לאזט מען דורך א טרער,
מען טראגט איבער זאָרג, שמערץ, גאר א סך.

ווען מען געהט דורך די אלע לייד
און מען האט שוין קינדער אויך ערצויגען;
ווער קאן אפשאצען די גרויסע פרייד
ווען מען דערלעבט זעהן די שמחה מיט די אויגען.

דער מענש, נאָר פון א צוקונפט ער טראַכט,
אין גאָלדענע חלומות פארוויגט איהם די צייט;
ווען ער האלט אפילו די אויגען פארמאכט
זעהט ער שעהנע בילדער ווייט, נאָר ווייט...

קיין מענש קריגט ניט דאס וואס ער וויל,
מען נאַרט זיך אָפּ זעהר אָפט;
יעדערער זארגט, קלערט זעהר פיל,
שווער צו קריגען דאס וואס מען האָפט.

נעמט זיך ניט צום הארצען, מיינע טייערע פריינט,
ניט איצט איז די צייט צו האבען צער;
איהר זעהט די שמחה ביי אייך היינט,
מיט רייכקייט קאן מען ניט באצאהלען דערפאר.

רחמנות

איך האב זיך קיינמאל ניט פאָרגעשטעלט,
איך קאן שווערען בנאמנות,
ווען איז דעם וואס איז באשערט
מען זאל האבען אויף איהם רחמנות.

דער מענש קאן קיינמאל ניט פארגעסען,
ער געהט דורך אין לעבען גרויסע סכנות;
פון דאגות, זאָרג, ווערט ער צופרעסען
ווען ער הערט דאס ווארט רחמנות.

איך האב ניט חרטה

איך האב ניט קיין חרטה אויף מיין לעבען,
איך זאג, אזוי איז מיר באשערט;
איין זאך מוז איך צוגעבען,
אז אלעם איז ביי מיר ווערט.

אזוי באשערט, פלעג איך מיר אויסריידען;
אין לעבען זיך קיינמאל ניט באקלאגט;
מיט ליבשאפט פלעג איך איבערטראגען מיינע ליידען,
נאך רייכקייט זיך קיינמאל ניט געיאָגט.

אויף דער עלטער וויל איך ניט בויגען מיין קאָפּ
כאטש אלעם איז פון מיר שוין אוועקגעגאנגען;
איך געה נאך ניט באַרג אראָפּ,
איך וויל נאָך הערען לויבגעזאנגען.

קיין חרטה האב איך ניט אויף מיין לעבען,
איך וויל קיינעם דעם וועג ניט שטערען;
מיינע ווערטער זאל איין אפקלאנג געבען
אז יעדער איינער זאל מיינע ווערטער הערען.

מיין פארשטערטער ל״ג בעומר פון שנת תרצ״ה

פינף און זיבעציג יאהר אפגעלעבט,
שטענדיג געזוכט זיין גוט מיט מענשען;
דעם צווייטען צו העלפען האב איך אימער געשטרעבט,
ניט געזוכט מען זאל מיר דערפאר בענטשען.

געארבייט שווער מיט מיינע אייגענע הענט,
שטענדיג געזוכט ניט אָנרירען דעם צווייטען;
איצט ליג איך און קוק אויף די שטומע פיר ווענט,
עלענד, שטיל, ווי לעבען בעט פון א טויטען.

איך האב אלע ל״ג בעומר א יום-טוב געמאכט,
פרעהליך פארבראכט מיט מיינע פריינט;
יעצט ליג איך אין קראנקען-בעט און טראכט,
איך פרעג זיך אליין, איז ל״ג בעומר היינט?

פונדעסטוועגען פיהל איך די זומער-לופט וועהען,
איך וואלט געלאפען, געשפרונגען ווי א קליין קינד;
איך האף אז מיינע וועהטאגען וועלען אוועקגעהן,
איך וועל ווערען געזונד אזוי ווי געווען צוריק.

אויף דער עלטער

איך האב זיך אין וועג דעם צווייטען ניט געשטעלט,
אָפּגעטראָטען דעם וועג דעם קלענסטען אפילו;
געזוכט צופרידען אָפּלעבען די וועלט,
געדאנקט גאט מיט א שטילער תפילה.

איך האב נאָר געוואלט שטענדיג דערקלערען
אז אלע מענשען זאלען לעבען ווי פריינט;
שטענדיג געקלערט, געקנייטשט דעם שטערען,
ביז די עלטער האט פאר מיר ערשיינט.

איצט אויף דער עלטער בין איך געוואויר געווארען
אז איך טויג שוין פאר דער וועלט ניט מעהר;
געארבייט פאר דער מענשהייט אלע יאהרען,
וואס איז מיר געבליבען פאר מיין ארבייטען שווער?

פריינטליך לעבען דאס איז געווען מיין ציל,
מיט יעדען זיין פריינט האב איך געוואלט נאָר;
איצט קאן איך זאגען אז איך פיהל
פארביטערט צו מיינע אלטע יאהר.

איך הער אמאל פאר מיר א לויב-געזאנג,
אבער קיינער פיהלט ניט מיין גרויסען צער;
די לויבווערטער איז פאר מיר א פוסטער קלאַנג,
אָהן געלט אויף דער עלטער איז מען א גרויסער נאַר.

די צוואה

מיין קינד, די צוואה וואס איך לאָז פאר דיר,
דעם טאטענס ווערטער זאלסטו גוט פארשטעהן.
זאלסט זיך קיינמאל ניט בויגען פאר דעם גביר,
שטענדיג זאלסטו נאָר מיט דעם אמת געהן.

קאָנסט מיט דעם אמת אמאל אָנווערען,
זאלסט זיך ניט שרעקען דערפאר;
דעם ליגנער זאלסטו קיינמאל ניט הערען,
דער ליגנער בלייבט אלעמאל א נאַר.

דעם פאטער'ס ליבע

ליכטיג שיינט א פאטער דעם קינד'ס בליק,
שטארק איז ביים פאטער די ליבעס-קראפט;
ווי גרויס איז דעם פאטער'ס גליק
וואס די קינדער האבען איהם פארשאפט.

ווען א קינד האט געפיהלט ניט גוט
האט שוין דער טאטע געבראכען די הענט;
ער איז גרייט צו געבען זיין בלוט,
זיך בייטען מיט איהם ווען ער וואלט געקענט.

קינדער האבען ביים טאטען דעם גרעסטען חן,
שווער איבערגעבען מיט דער פען;
ווען זיי ווערען גרויס קאן מען ערשט זעהן,
עס איז ניט דאס וואס ס'איז געווען.

די קינדער ווערען היינטוועלטיג מאָדערנירט,
דער טאטע ווערט ביי זיי אנאנדער געשטאלט;
די קינדער—ער האט מיט זיי שטאָלצירט,
דער טאטע איז פאר זיי צו אַלט...

ווען דער טאטע קומט אין די עלטערע יאהרען,
אונמעגליך צו שילדערען מיט א פעדער-שטריך;
ער פארשילט דעם טאג וואס ער איז געבארען,
פארלירט אויף דער עלטער זיין גאנצען איך...

איך צווייפעל

וואנדערען פון אָרט צו אָרט,
ערווערבען זיך מעהר גוטע פריינט, געקלערט;
הערען אמאל אן אמת פריינטליך וואָרט,
איך צווייפעל צו האב איך ווען געהערט.

אויף דעם געלעגער ביינאכט
הויב איך אָן צו דיינקען;
דער מח נאָר ער טראכט,
דאס הארץ נעמט ביינקען.

פון די אויגען טרערען רינען,
איך קאן זיי ניט איינהאלטען;
שווער אמת'ע פריינטשאפט געפינען,
דאס גליק האט זיך פון מיר באהאלטען.

איך וואלט אנטלאָפען פון זיך אליין,
זיך אין וואַלד פארשפּארט;
איך קאן שוין מעהר ניט זעהן
ווי איך ווער פון יעדען אפּגענאַרט.

ווען איינער רעדט צו מיר צווייפעל איך
צו האט ער דעם אמת געמיינט;
איך פיהל מיט דעםריידען נאַרט ער מיך,
דאס גלויבען אין מיר איז פארשטיינט.

בר מצוה בחור

(געווידמעט מיינע בעסטע פריינט מר. און מרס. משה פליישמאן, צו זייער זוהנ'ס בר מצוה, יום א כ"ד טבת, תרצ"ט).

מיין קינד, דו ביזט אריינגערעכענט אין דעם אידישען כלל,
מיט דיינע אלע כחות גארטעלסטו זיך אָן;
שרעק זיך ניט; מען פייניגט דעם אידען איבעראל,
גאט האט מיט אונז שוין א סך נסים געטאן.

זאלסט קיינמאל אין לעבען ניט ווערען פארצווייפעלט,
דיינק ניט אז דער איד איז אויף אייביג געפאלען;
דעם אידענ'ס לעבען איז שטארק פארביטערט,
אבער די הילפע קומט פון פארבאָרגענע קוואַלען.

פרעה'ן האט גאט אין ים דערטרונקען;
המנ'ן אויפגעהאנגען גאָר פראָסט;
היטלער וועט נאך ווערען איינגעזונקען,
גאט האט דעם אידען קיינמאל ניט פארלאזט.

מיין קינד, ווערסט איצט א ריכטיגער איד,
זאלסט קעמפען פאר דיין פאָלק מיט יעדען אבר;
דער איד איז פאר דער וועלט א שטארקער פיראמיד,
דו וועסט נאך דערלעבען זעהן היטלער'ס קבר.

אשת חיל מי ימצא *

אשת חיל מי ימצא, זינגט אונזער גרויסער פּאָעט,
ער האט באזונגען דער פרוי מיט א הייליג געזאנג;
די אמת'ע גוטע פרוי האט מיר גאט באשערט,
איך בעט דיך גאט, אויף יאהרען לאנג.

זי איז מיר א חבר אין דער גרעסטער פרייד,
מיר האבען חתונה געמאכט די קינדער אלע;
זי איז אויך מיין חבר אין דער גרעסטער לייד,
צופרידען גלייך ווי זי איז געווארען א כלה.

גוטער גאט, איך בעט נאָר ביי דיר,
מיין לעבען איז ווי א חלום פארפלויגען;
מיין גוטער חבר זאל זיין מיט מיר
ביז דער טויט וועט מיר פארמאכען די אויגען.

*געווידמעט מיין טייערע פרוי גאָלדע אלעקס.

די לעצטע נאַכט *

זיצענדיג לעבען מיין פריינט די לעצטע נאכט
האב איך געזעהן, איך ווער אָן א פריינט;
איך האב זיין לעבען גוט באטראכט
ווען דאס לעבען האט פאר איהם געשיינט.

א פריינט איז ער געווען יעדען באזונדער,
קיינער האט זיך ניט געקאנט באקלאָגען;
איך האף אז זיינע גוטע קינדער
וועלען זיינע וועגען נאָכפאָלגען.

פריינט: איהר פארלאזט די נארישע וועלט,
א גוטער נאמען וועט בלייבען נאך אייך;
א שעהנער נאמען איז טייערער פון געלט,
שעהן צו שטארבען דארף מען ניט זיין רייך.

איך זעה מיין פריינט די לעצטע נאכט,
ער געזעגענט זיך מיט דער וועלט זעהר שווער;
ער האט צום לעצטען מאל די אויגען פארמאכט,
זיין ליבע פאמיליע וועט ער שוין ניט זעהן מעהר.

*צום אנדענקען פון מיין בעסטען פריינט ר' אליהו טאש, געשטארבען דעם 25טען דעצעמבער, 1930.

די קעלבערנע פילאזאפיע

(צום אנדענקען פון מיין בעסטען פריינט אברהם פאווים)*

אברהם פאווים

ברידער מיר זיצען איצט אינאיינעם
ביי א געדעקטען טיש א שעהנעם.
מיר זיינען געקומען דאס קעלבעלע עסען,
וויל איך איהר זאלט ניט פארגעסען
אז מיר זיינען לעבען היילִיג-אָרט,
וויל איך ריידען א פילאזאפיש וואָרט.
אין שלאָף איז מיר געקומען דאס קעלבעלע צו חלום,

*די פּאָעמע „דאס קעלבעל” האב איך געשריבען דעם אווענד ווען די סעמעטערי קאמיטע און די חברה קדישא האבען געפייערט דעם יאהרצייט פון משה רבינו ע"ה, ז' אדר, שנת תרצ"ד, ביי איהם אין הויז, דאס ערשטע מאל אויף דער סעמעטערי. עהרע זיין אנדענקען.

האט אנגעהויבען ריידען ווי דער אייזעל פון בלעם.
שרעקליכע געדאנקען זיינען מיר דורכגעפלויגען,
זי האט מיך אָנגעקוקט מיט איהרע קעלבערנע אויגען:
„וואס האסטו זיך דערשראקען וואס א קעלבעל רעדט,
דו האסט שוין געהערט ריידען געננוג פערד.“
און האט אָנגעהויבען שפרינגען ארום מיר,
„איך וויל דו זאלסט הערען וואס איך רייד צו דיר.
איך בין ווי א קעלבעלע ארומגעשפרונגען,
מיין מאמע, די בהמה, האט מיר אונטערגעזוגען.
איך האב געוואלט כאפען א טענצעל
און פון גראָז זיך מאכען א קרענצעל.
פלוצלונג האט מען מיר געבונדען די פיס
און איהר מענשעלעך לאכען צוקער זיס.
איינער האט א שאַרפען מעסער געבראכט
און האט איבער מיר א ברכה געמאכט;
האט מיר געגעבען איבערן האלז א פיר,
דאס בלוט האט זיך אָנגעהויבען גיסען פון מיר.
א צווייטער איז באלד צוגעלאפען שנעל,
האט אנגעהויבען שינדען גיך מיין פעל.
נאך איינער האט גוט באטראכט מיין לונג,
דערביי האט ער מיר אויסגעשניטען מיין צונג.
אין הייסען טאָפּ האט מען מיך אויסגעזאטען,
געמאכט פון מיר א געשמאַקען בראטען.
מיין מאמע, די כשר'ע בהמה, די געטרייע,
איז געשטאנען און געקוקט ווי א שטומע חיה.
זי ווייסט אז בהמות, קעלבער און ציגען
זיינען באשאפען פאר אייער פארגעניגען.
איהר מענשעלעך האלט אונז פאר נאַראָנים,
איהר רעכענט זיך פאר די גרויסע יחסנים,
דערפאר וואס גאט האט אייך געגעבען
די גרויסע מתנה, די צונג אין אייער לעבען.
מיט דער צונג פארדרעהט איהר די גאנצע וועלט;
איהר רעדט מיט דער צונג, דאס הארץ איז פארשטעלט.
איהר שטופט די צונג וואו ס'איז ניט נויטיג
און שטעכט יענעם מיט דער צונג ביז וועהטאג.
אבער מיר קעלבער זיינען אמאל געווען הייליג,
דער כהן־גדול האט געגעסען דעם גרעסטען חלק.
ביים לעבען גיבען מיר אייך הצלחה,
ביים טויט מאכט איהר איבער אונז א ברכה.

נאך דעם טויט זיינען מיר אויך א טייערע סחורה,
אויף אונזער פעל שרייבט מען די הייליגע תורה.
אבער איהר, מענשעלעך, וואס האט איהר פאר א ווערט,
איהר שטארבט, באגראבט מען אייך טיף אין דער ערד,
א כהן טאר ניט שטעהן אין אייערע פיר ווענט.
רירט מען זיך אָן אן אייך וואַשט מען זיך די הענט.
די חברה קדישא, א באזונדערע חבריה,
וואס געהן נאָר צו אייער לויה.״
און דאָ—גיט דאס קעלבעלע א שפרונג
און שטעלט מיר ארוים א לאנגע צונג.

* * *

איך האב אויפגעפענט מיינע אויגען,
דאס קעלבעלע איז ווי אין חלום פארפלויגען.
יא... יא... רעדסט גאר ניט שלעכט,
מיט דיינע טענות ביזטו זעהר גערעכט;
דאס איז דעם מענשען׳ס לעבען דער סוף—
דאס גאנצע לעבען איז ווי א חלום אין שלאָף...

דער וועג צוריק

צו רייכקייט האב איך קיינמאל ניט געגאַרט,
געוועזן צופרידען מיט וואס איך האב פארמאגט;
דאס לעבען האט מיך פילע מאל אפגענאַרט,
אבער איך האב זיך קיינמאל ניט באקלאגט.

דורכגעלעבט דעם גרעסטען שטורעם,
געארבייט שווער מיט מיינע אייגענע הענט,
שטענדיג מיטגעפיהלט יענעמס יסורים,
געהאלפען דעם צווייטען וויפיל איך האב געקאנט.

געזוכט דעם וועג ווי אזוי צו געהן,
געוואלט געפינען דאס גרויסע גליק;
אין דער יוגענט א שעהנע צוקונפט געזעהן,
שוין שפעט. איך געה שוין דעם וועג צוריק.

געארבייט שווער דאס גאנצע לעבען,
ניט גערוהט קיינמאל איין אויגענבליק;
איך וויל זיך אליין א חשבון אפגעבען—
שוין שפעט. איך געה שוין דעם וועג צוריק.

בר מצוה בחור

(געווידמעט מיינע גוטע פריינט מר. און מרס. ראָדמאַן
צו דער בר מצוה פון זייער זוהן, מרדכי).

יאהרען געהן, יאהרען קומען,
די צייט שטעהט ניט אויף אן אָרט;
עס איז מיר זעהר אָנגענומען
הערען פון דעם בר מצוה בחור א אידיש וואָרט.

איך זיץ מיט אייך ביי א סעודה א שעהנע
און באטראכט די פארגאנגענע יאהרען ביז היינט;
די מוטער פון דעם בר מצוה געדיינק איך, א מיידעלע א קליינע
מיט דעם זיידען געווען די בעסטע גוטע פריינט.

ווי אלע טאטעס האט ער פון די קינדער געליטען,
מיט ווייטע פאנטאזיעס אין דער לופטען געשוועפט;
ער איז געשטארבען אין רעכטען מיטען,
זיין אייניקעל'ס בר מצוה ניט דערלעבט.

די באָבע האב איך געזעהן די לעצטע טעג,
זי האט דערלעבט זעהן א ביסעלע גליק;
אבער שוין אויך אוועק דעם ווייטען וועג,
פון דאָרטען קומט קיינער ניט צוריק.

דער מענש פאנטאזירט אלץ העכער און העכער,
דעם מענשענ'ס פאנטאזיע איז אומפארשטענדליך;
דער מענש טרינקט פון דעם לעבענס-בעכער
ביז דער טויט פארזויגט איהם ענדליך.

א מאָנאָלאָג פון א שמש

איך קאן אייך זאגען כ'לעבען
אז די שוהל דערהאלט מיךביים לעבען.
ווען איך קום אין שוהל אין דער פריה
גיבען מיר די געדאנקען א פליה,
גאָטעניו, דו זעהסט אליין איך בין דיר געטריי,
וויל איך מיט דיר ריידען פראַנק און פריי.
דו זעהסט יענע וואס זיצען אין מזרח-וואַנט,
איך דיינק אז דאס איז פאר מיר א גרויסע שאַנד.
זיי האבען ביי מיר א שעהן פנים
זיצען אויסגעזעצט ווי די גרויסע יחסנים.
ווען דו פרעגסט אן עצה ביי מיר,
היים איך זיי זיצען ביי דער טיר.
דאַוונען זיינען זיי זעהר פויל,
נעמען ניט א וואָרט אין מויל.
גאָטעניו, אויב דו ווילסט מיר א טובה טאָן,
נעהם זיי צו פון דעם אויבען-אָן.
דו קאנסט א סך לייטישערע זעצען דאָרט,
ביי דער טיר איז אויך גרוים זייער אָרט.
זעהסט דעם פרעזידענט, דעם גראָבען גביר,
קוים וואס ער שטופט זיך דורך א טיר.
מיט זיינע קליינע אויגעלעך קוקט ער אויף מיר קרום,
זאָגט א דעה אומעטום.
ווען איך טראָג איהם צו דעם טלית
ווינש איך איהם בעסער דעם דלות.
ער פארצאַפּט מיר געגוג. מיין בלוט—
א פרעזידענט א גראָבער יונג איז זעהר ניט גוט.

שורות וואס זאגען א סך

(פרעמדע, אייגענע און צוגעפּוצטע)

עס איז זעהר ניט גוט פאר א ווייב זיך צו לייגען שלאָפען א הונגעריגע ווען איהר מאן איז א בעקער.

* * *

וואַרף איהם אריין אין טייך וועט ער ארויסקומען מיט א פיש אין מויל.

* * *

שפייז די מויל וועט דאס אויג זיין צופרידען.

* * *

די איינציגע רפואה צו שלעכטע צייטען איז צו האבען מיט זיי געדולד.

* * *

דער וואס פארקויפט עסיג האט ניט ליב דעם וואס פארקויפט האָניג.

* * *

ווען מען שלעפּט מיך ניט ארויס פון אונטער איהם וואלט איך איהם געוויס דער׳הרג׳עט.

* * *

מען קאן אמאל לערנען מעהר פון קוקען אויף א נאַר ווי צו ריידען מיט א חכם...

* * *

ער לערענט זיך ראַזירען אויפ׳ן פנים פון א יתום.

* * *

א קאַץ וואס גיט זיך אָפּ מיט מיאַקענען קאן גארנישט כאַפּען.

* * *

ליב אלע מענשען, אבער פאר א פריינד קלייב זיך אוים נאָר די וואס אלע ליבען.

פאָלקס-ווערטלעך

פארשפילטע געלט קאן מען האפען צוריק געווינען
אבער פארשפילטע נעכט קאן מען צוריק ניט געפינען.

* * *

דער גרעסטער וועהטאג איז דער וועלכער מען קאן פאר אנדערע ניט ארויסזאגען.

* * *

די וועלט איז ווי א לייטער, ארויף געהט איינער, אראָפּ געהט דער צווייטער.

* * *

פון יענער וועלט איז נאָך קיינער ניט צוריקגעקומען.

* * *

פאר דער וועלט מוז מען מעהר יוצא זיין ווי פאר גאט אליין.

* * *

די וועלט האט פיינט אַן ארימאן א בעל-גאוה.

* * *

פון פוסטע פעסער איז דער ליאַרם גרעסער.

* * *

א גוי באקומט ניט קיין דרך ארץ ביז ער קריגט ניט דעם ערשטען פּאַטש.

* * *

א גמילות חסד איז ביי גאט מעהר אָנגעלייגט ווי א נדבה.

* * *

דער גנב ביי דער טיר איז דער בעסטער שומר.

* * *

א גנב בלייבט א גנב, א שכור בלייבט א שכור, א נאַר בלייבט א נאַר.

* * *

יעדער הונט איז א בעל-הבית אויף זיין סמעטניק.

* * *

ווער עס לייגט זיך שלאפען מיט א הונט שטעהט אויף מיט פליי.

* * *

ווער עס האט א געהאנגענעם אין דער משפחה טאר מען ניט דער-מאָנען קיין שטריק.

* * *

דער גיהנם איז ניט אזוי שלעכט ווי דאס קומען צו איהם.

* * *

אן אמת'ער קוש דריקט אוים ליבע, א פאלשער קוש דריקט בּיים הארצען.

פאָלקס-ווערטלעך

א פריינט טיילט זיך מיט דעם ביסען, א שונא וואלט איהם פון אייער מויל ארויסגעריסען.

* * *

שווייגען, זאגט די וועלט איז גאלד, נאָר ריידען ניט יעדער קען,
ווייל ריידען דארף מען וויסען וואס, און שווייגען דארף מען וויסען ווען.

* * *

פארמאָגסטו ניט קיין גראָשען—ביזטו ניט ווערט א גראָשען.

* * *

פון צופיל באגליקט ווערען—באווייזען זיך אָפט טרערען.

* * *

זיי ניט אָרים און ניט רייך, וועסטו זיין מיט מענשען גלייך.

אלטע רוסישע שפריכווערטער

א פוקס ווען ער שלאפט אפילו צעהלט ער די היהנער אין חלום.

* * *

לאָז נאָר זיין בלאָטע, שדים וועלען ניט פעהלען.

* * *

ווען געלט רעדט, שטומט דער לשון.

* * *

יעדער פוקס גיט אכטונג אויף זיין ווידעל.

* * *

אויב דו ביזט א קוקושקע מאך קוקו; ווען דו ביזט א הוהן לייג אייער.

* * *

בעסער בעטלען איידער גנב'נען; אבער בעסער ארבייטען איידער בעטלען . . .

* * *

ניט יעדער פיש קאן זיין א העכט.

* * *

שרעק זיך ניט פאר דעם געזעץ נאָר פאר דעם ריכטער.

* * *

יעדער חיה האט זיך איהר פעל.

* * *

קלייב אוים א ווייב מיט די אויערען ווי מיט די אויגען.

* * *

טו אָן א מאַלפע אין זיידענס וועט זי אלץ בלייבען א מאַלפע.

די וואשינגטאנער שוהלען מיט זייערע גייסטיגע פיהרער און אויך די פרעזידענטען פון 1940

דער ערשטער און עלטסטער גייסטיגער פיהרער פון וואשינגטאנער אידען איז הרב דאקטאר ר' יהודא לייב לאָעב. כאטש ער איז איצט אויף דער עלטער אָהן א שוהל, פונדעסטוועגען האבען אלע רבנים און אויך אלע אידען פון וואשינגטאן גרויס דרך ארץ און אויך גרויס כבוד פאר איהם.



חזן ר' אלעזר הלוי נאָוויק



ראביי סאלאמאן מעטץ

עדת ישראל שוהל

איז די עלטסטע שוהל אין וואשינגטאן. זי האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1869. איהר גייסטיגער פיהרער איז ראביי סאלאמאן מעטץ; דער פרעזידענט איז מר. דזשאזעף ווילנער, און דער חזן איז ר' אלעזר נאָוויק.



הרב ר' יהושע קלעוואן

ראביי אהרן וואלקמאן

תלמוד תורה שוהל

וועלכע רעכענט זיך אלס די איינ־ציגע שוהל אין סאוט־וועסט גע־גענד, האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1890. דער גייסטיגער פיה־רער איז הרב ר' יהושע קלעוואן; פרעזידענט איז מר. הוהייזער; וויים־פרעזידענט, מר. משה פלייש־מאן.

בית אל שוהל

האט זיך געגרינדעט אין יאר 1937. דער גייסטיגער פיהרער איז ראביי ר' אהרן וואלקמאן.

ראביי צמח גרין

אוהב שלום שוהל

רעכענט זיך פון די ערשטע שוהלען אין וואשינגטאן. דער גייסטיגער פיהרער איז ראביי צמח גרין; דער פרעזידענט איז מר. דזשייקאב בעם.



ראביי הענרי סיגעל

בני ישראל שוהל

האט זיך געגרינדעט אין יאר 1925. דער גייסטיגער פיהרער איז ראביי הענרי סיגעל; דער פרעזידענט איז מר. אלבערט קעסיען.

ראביי הערי סילווערסטאן

ראביי משה חיים לעווענסאן

תפארת ישראל שוהל

וועלכע האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1907, האט אלס איהר גייס־טיגען פיהרער ראביי סילווערסטאן, דער זוהן פון דעם ערשטען רב פון זייער שוהל, הרב ר' גדליהו סיל־ווערסטאן. עס איז איבערגעגאנגען דער כסא הרבנות פון דער פאָטער צום זוהן. דער פרעזידענט איז יוסף בולמאן.

בית שלום שוהל.

האט זיך געגרינדעט אין יאר 1917 אונטער דעם נאמען „הר ציון". אין יאהר 1938 האט זי זיך פאראייניגט מיט די אנשי ספרד אונטער דעם נאמען „בית שלום". דער גייסטי־גער פיהרער איז ראביי ר' משה חיים לעווענסאן; דער פרעזידענט איז סעם קאלקער און דער חזן איז אברהם וויגאדע.



רעוו. יהודה יואל פאפיר

סאוט-איסט שוהל

וועלכע איז די איינציגע שוהל אין סאוט-איסט. דער גייסטיגער פיהרער איז ראביי ר' חיים וויליאמאמאווסקי און דער פרעזידענט איז מר. סעם ראזענבאום.

קשר ישראל שוהל

וועלכע איז די איינציגע שוהל אין דזשארדזשטאון, האט אלס איהר גייסטיגען פיהרער הרב ר' יעקב עוזר דובראָוו. דער פרעזידענט איז מר. עדלאוויטש.

אגודת אחים שוהל

וועלכע איז גאר די אינגסטע אין וואשינגטאן, האט זיך געגרינדעט אין 1940. דער גייסטיגער פיהרער איז רעוו. יהודא יואל פאפיר. דער פרעזידענט איז מר. דזשייקאב ריווקין.

עזרת ישראל שוהל

האט זיך געגרינדעט אין יאהר 1914. די שוהל רעכענט זיך אלס די איינציגע שוהל אין נאָרד-איסט. דער גייסטיגער פיהרער איז ראביי באגנער, פליכטלינג פון וויען. דער פרעזידענט איז מר. וויסאצקי.

חנה אסתר הימעלפארב ע״ה

אשת ר׳ פרץ הימעלפארם נ״י

דער וואשינגטאנער אידישער ישוב האט געליטען א שרעקליכען פארלוסט אין דעם טויט פון דער חשוב׳ער נפטרת חנה אסתר הימעל-פארב ע״ה.

אן אינטערעסאנטע פרוי איז די פארשטארבענע געווען. זי האט אימער געזארגט נאָר פאר די וואס האבען ניט, סאַי דאָ אין וואשינגטאן און סאַי פאר די אָרימע פון איהר אלטער היים. זי איז געווען די אמת׳ע בעלת-צדקה. זי פלעגט אויך העלפען א סך פאמיליעס וואס קיינער האט ניט געוואוסט פון זיי. האט נאָר איינער געדארפט א גמילות חסד פלעגט מען קומען צו חנה אסתר הימעלפארב ע״ה. זי פלעגט קיינעם ניט אָפּ-זאגען. זי האט ניט געזוכט דערפאר קיינע גרויסע רעקלאַמען. זי האט אויך גענומען א גרויסען אינטערעס אין אלע פילאנטראפישע געזעל-שאפטען אין וואשינגטאן. זי פלעגט אויך אריבערשיקען א סך קליידער און פעקלעך מיט עסענווארג פאר די אָרימע אין איהר אלטער היים און אויך אין די דערבייאיגע שטעטלעך אויף יענער זייט ים. זי איז אויך געווען טעטיג אין פילע וואלטהעטיגע אינסטיטוציעס אין וואשינגטאן. איהר גרעסטע נשמה-באפרידיגונג האט זי געפונען אין העלפען דעם צווייטען. זי איז אויך געווען א העכסט פרומער טיפּ אידישע פרוי, וואס ביי דער היינטיגער צייט איז שווער צו געפינען, איבערהויפּט אין אמע-ריקא איז דאס א זעלטענהייט. אוי לנו שאבדנו...

צו פאראייביגען איהר אנדענקען האב איך כאראקטעריזירט די שעהנע פערזענליכקייט פון דער חשוב׳ער נפטרת און האב אייגעשריבען אין דעם פנקס פון דעם וואשינגטאנער אידישען לעבען.

עהרע איהר אנדענקען.

ת׳נ׳צ׳ב׳ה

המקום ינחם אותנו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

האשה בתיה גאלדען ע"ה

The Ladies Auxiliary of the District of Columbia Hebrew Beneficial Association, of which the late Sister Golden was an ardent worker and past president, leads in the expression of the great loss we all suffer since Sister Golden departed this life January 1, 1940.

"MAY SHE REST IN PEACE"

איך אליין, דער מחבר פון דעם בוך, האב בעאבאכטעט, זייענדיג פילע יאהרען דער אינסייד גארד אין לאדזש און זיצענדיג ביי דער טיר, פלעג איך זעהן ווי שטיל, ווי באשיידען די פארשטארבענע שוועסטער בתיה גאלדען פלעגט אריינקומען צום מיטינג. נאך איצט פיהל איך איהר ליבליכען שמייכעל ווען זי פלעגט מיר געבען די האנט ביים אריינ־קומען. איהר פלוצלונגדיגער טויט האט ארויסגערופען פיל טרויער ביי די ברידער און שוועסטער פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא לאדזש.

עהרע איהר אנדענקען.

צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו

יעקב ראובן זבולון סעלים ע״ה

דער טויט פון ר׳ יעקב ראובן זבולון סעלים האט ארויסגערופען דעם טיפסטען טרויער ביי די וואשינגטאנער אידען. דער פארשטארבענער איז געווען באוואוסט פאר א גרויסען בעל צדקה. ער איז אויך געווען א נותן-בסתר, ער פלעגט בעטען יענעם נעהמען ביי איהם א גמילות חסד. ער איז אויך געווען א טיכטיגער טוער אין אלע אידישע צדקה אנשטאל-טען. ער איז געווען א דירעקטאר אין מושב זקנים, א דירעקטאר אין גמילות חסדים, א דירעקטאר אין דער שטאדטישער רעליעף. ער איז געווען א מעמבער אין דער תפארת ישראל שוהל, א מעמבער אין קשר ישראל שוהל און האט איבעראל געגעבען מיט דער פולער האנט. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדערס פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמ-ביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן. ער איז געווען טרעזשורער פון דער לאדזש פאר א סך יאהרען ביז ער איז געשטארבען. פאר דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא לאדזש איז די אבדה זעהר גרויס. די לויה איז געווען יום ה׳ ג׳ סיון, שנת תרצ״ח פון בערנארד דאנזאנסקי׳ס טשאַפּעל. אלע רבנים פון וואשינגטאן זיינען געקומען אפגעבען דעם לעצטען כבוד צום פארשטארבענעם און הונדערטער מענשען האבען איבערפילט דעם טשאַ-פּעל. ברודער אברהם טאַש און ברודער מאקס גארין זיינען געווען די אראנזשמענטס קאמיטע און זיי האבען דורכגעפירט אלעם אין אָרדנונג. הרב דובראָף פון קשר ישראל שוהל און הרב סילווערסטאן פון דער תפארת ישראל שוהל און הרב ר׳ חיים וויליאמאווסקי פון אלעקסאנדריא ווירדזשיניא, האבען איהם מספיד געווען אין טשאַפּעל. די נושאי-המטה זיינען געווען דער פרעזידענט פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא לאדזש, היימאן קאהען, מארים גארפינקעל, מארים רובין, היימאן ראטנער, זלמן צבי בליינק, מארים דריבין, אברהם טאַש און מאקס גאָרין; סעמיועל ראָד פון תפארת ישראל שוהל און משה מייזער פון חברה ש״ס פון מושב זקנים שוהל. אין טשאַפּעל אויף דעם בית-עולם האבען איהם מספיד געווען רבי סאלאמאן מעטץ פון עדת ישראל שוהל, רבי וואלקמאן פון בית-אל שוהל און רבי צמח גרין פון אוהב שלום שוהל. ביים אָפענעם קבר האט איהם דער לעצטער מספיד געווען עקס-פרעזידענט פון לאדזש, י. מ. לעוואַין. איך דריק אוים מיין סימפאטיע צו דער פארבליבענער פאמיליע און ווינש זיי שהמקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים. ת׳נ׳צ׳ב׳ה.

חבל על דאבדין ולא משתכחין

עס איז שווער צו ריידען וועגען זיי; עס איז נאך פריש אין זכרון דער וועהטאג פון דעם גרויסען פארלוסט וואס מיר האבען געהאט אין יאהר 1937. דער טויט האט אוועקגעריסען אכזריות'דיג פון אונז צוויי פון די ליבסטע און טייערסטע מיטגלידער פון אונזער לאדזש, דאס איז אונזער באליבטער רעקארדינג סעקרעטער און אויך באוואוסטער פּאַעט ברודער אברהם פאווים ע"ה. ער האט אונז געדינט אלס סעקרעטער גאנצע 14 יאהר און אויך אונזער באליבטע שוועסטער יענטע בת ר' ישראל ע"ה, די פרוי פון אונזער גרינדער און פיהרער פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמ־ביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן, ברודער אברהם טאַש. עס איז זעהר שווער צו ריידען וועגען זייער טויט, עס איז נאך צו פריש די וואונד, עס איז נאך קיין יאהר ניטאָ אין דער צייט וואס איך שרייב דעם בוך. ליכטיגע צוויי יונגע לעבענס זיינען איבערגעריסען געווארען. זיי וועלען אונז פעהלען, זעהר פעהלען אין יעדער אונטערנעמונג וואס מיר וועלען מאכען. מיר עהרען זייער אנדענקען און מיר דריקען אויס אונזער מיט־געפיהל און סימפאטיע צו די צוויי פאמיליעס, צו שוועסטער פאווים מיט די קינדער, און צו ברודער אברהם טאַש מיט די קינדער.

ת'נ'צ'ב'ה

איהר האט ביידע מיט אייערע פאמיליעס גליקליך געלעבט,
איהר זיינט ביידע נאך יונג אין איין יאהר געשטארבען;
צו שעהנע פאמיליעס האט איהר ביידע געשטרעבט,
א גוטען אנדיינק האט איהר זיך ביידע ערוואָרבען.

בלע המות לנצח.

דער מושב זקנים

אין 1914 ווען דער בית מושב זקנים איז געגרינדעט געווארען דורך די אונערמידליכע ארבייט פון אונזער פיל-באוואוסטען כלל-טוער מר. בערנארד דאנזאנסקי, איז דאס געווען איינע פון די נאָבעלסטע פאסירונגען אין דער היסטאריע פון דער וואשינגטאנער אידישער געזעלשאפט. די אפיציעלע ערעפענונג איז געווען אין אקטאבער פון דעם זעלבען יאהר. די גרויסע צאהל מענשען וועלכע האבען בייגעוואוינט די ערעפענונג פון דער שעהנער געביידע פון מושב זקנים זיינען געווען איבעראשט. אפילו פאר די גרינדערס אליין איז דאס אויך געווען אן איבעראשונג און עס האט זיי געגעבען נאך מעהר מוט אָנצוגעהן מיט דער נאָבעלער ארבייט אויף ווייטער. דער הויפט רעדנער איז געווען דער פארשטארבענער פיעל-באוואוסטער אידישער פאַרשטעהער סיימאן וואָלף.

פון אנפאנג איז די באוועגונג אָנגעגאנגען זעהר שווער, ווייל די קליינע צאהל מענשען וואס האבען זיך אָנגעשלאסען אין דער טעטיגער ארבייט זיינען ניט געווען פון די רייכע אויפגעקומענע נגידים. זיי זיינען געווען קליינע הענדלער און אויך פשוטע ארבייטער. דער רייכערער קלאַס אידען זיינען געווען גאַר קאלטבלוטיג צו דער גאנצער נאָבעלער ארבייט פון א מושב זקנים. אבער א דאנק די אויסערגעוועהנליכע איבערגעבענהייט פון דער קליינער גרופע וואס האבען זיך אָנגעשלאסען צו מר. דאנזאנסקי איז די ארבייט געווען א גרויסער ערפאָלג טראָץ די פילע שטערונגען וואס זיי האבען געהאט.

די ערשטע בעאמטע זיינען געווען די פאָלגענדע: פרעזידענט, בערנאַרד דאַנזאַנסקי; וויס-פרעזידענט, אייזיק ווייזענבערג; סעקרעטער, מילטאן לייענסאן; טרעזשורער, סיימאן אטלעס; הויז טשערמאן, מאקס קארמאן. א גרויסען דאנק קומט צו מר. לייענסאן פאר זיין אונערמידליכער ארבייט. ער איז געווען דער ערשטער זיך אָנצושליסען צו מר. דאנזאנסקי'ן אין דער גרינדונג פון א מושב זקנים אין וואשינגטאן, און מיט זיין הילף און די הילף פון נאך אייניגע איבערגעבענע ארבייטער איז עס מעגליך געווען צו בויען אזא שעהנע היים פאר די זקנים און זקנות פון וואשינגטאן.

א גרויסען יישר כח קומט אויך דער ליידיס אוקזילערי וועלכע איז באלד געגרינדעט געווארען אונטער דער פיהרערשאַפט פון מרס. דאנזאנסקי, וועלכע איז געווען די ערשטע פרעזידענטין. אָהן די גרויסע נאָבעלע ארבייט פון די פרויען וואָלט פיליכט געווען אונמעגליך אָנצוגעהן מיט דער ארבייט אויסצוהאלטען דעם שעהנעם אנשטאָלט. א דאנק זייער שווערער ארבייט איז דער אנשטאלט געוואקסען. די ליידיס אוקזילערי פון דעם מושב זקנים איז די גרעסטע פרויען געזעלשאפט אין שטאדט.

די ערשטע אפיסערם פון דער ליידים אוקזילערי זיינען געווען מרס. נעטי דאנזאנסקי, פרעזידענט; מרס. ל. ליעזאוויץ, וויים-פרעזידענט; מרס. פאולין וויזענבערג, פינאנס סעקרעטער; מרס. בעלע וויינבערג, רעקארדינג סעקרעטער; מרס. לאה רייכגוט, טרעזשורער און מרס. יעטע קאצמאן, הויז-טשערליידי.

די איצטיגע אפיסערם פון 1940 זיינען: דער באוואוסטער כלל-טוער אין וואשינגטאן מר. טשארלם גאלדסמיט, פרעזידענט. מר. און מרס. גאלדסמיט זיינען זעהר טעטיגע מיטארבייטער אין אלע וואלטהעטיגע אנשטאלטען סאי אידישע און סאי קריסטליכע צוגלייך, און האבען זעהר פיעל געהאלפען אז דער מושב זקנים זאל זיין אזא שעהנע נאבעלע היים פאר די זקנים און זקנות. די וויים-פרעזידענטען זיינען דער פיל באוואוסטער עסקן בצרכי צבור משה גארפינקעל און דאקטאר לואים. סיימאן הערשמאן איז עקזעקוטיוו סעקרעטער, נארמאן פישער, פינאנס סעקרעטער; סידני האאס, טרעזשורער; מרס. וויליאם ליווי, הויז-טשערליידי. די טראסטים זיינען מר. בערנארד דאנזאנסקי, מר. היימאן גאלדמאן און מר. דייוויד קויפמאן.

מארים מייזער

דער אנשטאלט איז זעהר גליקליך צו האבען אזא סופעראינטענדענט ווי מארים מייזער. אויף איהם קאן מען זאגען אז ער איז א מושלם בכל המעלות. פאר די לעצטע 15 יאהר וואס ער איז סופעראינטענדענט אין מושב זקנים האט ער זיך ארויסגעוויזען אלס א זעהר גוטער פארוואלטער אין דער אנשטאלט. ער איז אויך דערצו אידישלעך געזאנען, ער פיהרט דעם מושב זקנים העכסט ארטאדאקסיש. ער איז זעהר באליבט ביי אלע זקנים און זקנות פאר זיינע פריינדליכע באהאנדלונגען. ער העלפט זעהר א סך ארוים פינאנציעל אויפצוהאלטען דעם אנשטאלט. אלע אפיסערם פון דעם מושב זקנים האבען זעהר פיעל צוטרויען צו מר. מארים מייזער.

די אפיסערם פון דער ליידים אוקזילערי פאר דעם יאהר 1940 זיינען: מרס. סיימאן דייווים, פרעזידענט; וויים-פרעזידענטען, מרס. מארים מיי-

זער, מרס. הערי לעווינסאן און מרס. באבעס. מרס. פאדנאס איז טרעזשו־רער; מרס. סטערן, רעקארדינג סעקרעטער און מרס. פיליפּ סארעס פינאנס סעקרעטער.

הכנסת אורחים

ביז צוריק מיט עטליכע יאהר איז אין וואשינגטאן קיין הכנסת אורחים ניט געווען. ווען א אידישער ארימער דורכפאהרער אדער דורכ־געהער איז געקומען קיין וואשינגטאן האט ער געמוזט אַנקומען צו די גוי'אישע מיסיאן־הויז פאר א נאכטלעגער אדער פאר א מאל־צייט. דאן זיינען איניגע פרויען געוואויר געווארען און האבען זיך אונטערגענומען צו העלפען אזעל־כע פרעמדע מיט וואס זיי האבען געקאַנט. דאס זיינען געווען מרס. דענינזאן, מרס. סערע סיידעל, מרס. הערלעס, מרס. עדנא סעלעס און נאך איניגע. אין 1935 זיינען צו־געקומען איניגע מענער, מר. א. שילער, מר. סיימאן בעלאף, מר. ירמיהו וויטץ און נאך איניגע און צוזאמען האבען זיי געגרינדעט א רעגעלען הכנסת אורחים. פאר די 5 יאהר וואס דער הכנסת אורחים עקזיסטירט האבען זיי געמאכט א גרויסען ערפאלג. זיי האבען אן אייגענע היים און אויך אן אייגענע שוהל. גראדע ביי דער איצטיגער צייט ווען אידען זיינען נע ונד מוזען

אהרן שילער

זיי האבען א היים וואו זיי זאלען זיך קאנען אביסעל אפּרוהען., און דאס געפינען זיי איצט אין דעם וואשינגטאנער הכנסת אורחים. זיי קריגען דאַ אויך גייסטיגע הילף. די שוהל איז איינגעריכטעט געווארען פון מר. און מרס. בעלאף. די קערפּערליכע הילף באשטעהט אין דעם וואס מען גיט זיי א שעהנע היים זיך אפּצורוהען אויף עטליכע טעג און מען גיט זיי אויך געלד אויף וויטער צו פאהרען וואוהין זיי דארפען, אויך גיט מען צו איניגע קליידער אויב זיי נויטיגען זיך אין דעם.

די אפיסערס פאר דעם יאהר 1940 זיינען מר. א. שילער, פּרעזידענט;

ערשטער וויים-פרעזידענט, סיימאן בעלאף; צווייטער וויים-פרעזידענט, ירמיהו ווייטץ; טרעזשורער, מר. גישנער; סעקרעטער, מר. קאמעראוו. עקזעקוטיוו אפיסערס זיינען פרץ הימעלפארב, משה גארפינקעל און סיימאן עראָן.

די ליידיס אוקזילערי טוט זעהר גוטע ארבייט פאר דעם הכנסת אורחים און מיט זייער הילף האט דער אנשטאלט געמאכט אזא ערפאלג. מרס. שולמאן איז טשערליידי און מרס. דענענזאן, מרס. סעלעס, מרס. סיידעל, מרס. ערליך און נאך איינינע איבערגעבענע פרויען ביי וועמען דער הכנסת אורחים איז זעהר טייער, האבען פיעל בייגעשטייערט צו מאכען דעם אַנשטאַלט פאר א גרויסען ערפאָלג.

היברו רעליעף סאסייטי

אן אמת'ע היסטאריע איז די וואס דער שרייבער לעבט דורך אליין, און דאס קאן איך זאגען וועגען דער היסטאריע פון דער וואשינגטאנער היברו רעליעף. ווען עס זיינען נאך קיין שום סאסייטיס ניט געווען און מען האט געדארפט אימיצען העלפען, האט מען געדארפט ארומגעהן מיט א הענדקערטשיף, אזוי ווי אין דער אלטער היים, צו בעטען א נדבה פון יענעמס וועגען. עס איז גראדע געווען א טשאריטי סאסייטי ביי די יאהודים, נאָר אין יענער צייט זיינען די יאהודים געווען שטארק אפגע־פרעמט פון די אריבערגעקומענע. אלע האבען געהייסען ביי זיי „רוסישע" אידען, און העלפען א רוסישען אידען איז געווען זעהר שווער. אין יענער צייט האבען זיך צונויף גענומען די פני פון וואשינגטאן און האבען גע־גרינדעט אליין א היברו רעליעף סאסייטי וואו אן אונזעריגער לאנדסמאן וואס וועט דארפען הילף זאל ער ניט דארפען אָנקומען צו די יאהודים, נאָר ער זאל זיך קאנען ווענדען צו זיינע לאנדסלייט.

איך האב געהאט די זכיה צו זיין ביי דעם ערשטען מיטינג וועלכער איז געווען ביי מארקוס קארמאן ע"ה אין 1335 7טע סטריט, און איך בין אויך געווארען א מעמבער, און די ארבייט איז אוועקגעגאנגען זעהר גוט. געוויינטליך, אז עס איז דאָ וואס צו געבען איז דאָ ווער עס זאל נעהמען. שפעטער מיט עטליכע יאהר האבען זיך די יאהודים ארומ־געזעהן אז זיי האבען ניט וועמען צו העלפען.—זיי האבען געהאט געלט און האבען ניט געהאט וועמען צו העלפען און מיר האבען געהאט וועמען צו העלפען און האבען ניט געהאט קיין געלט—איז דאס גראדע געווען א גלייכער שידוך, און א דאנק וואס פון יענעם צד איז געווען די פיל באַ־וואוסטע אין וואשינגטאן מרס. גאָלדסמיט, און פון דעם צד איז געווען דער פיל באוואוסטער משה גארפינקעל, האט מען זיך פאראייניגט, און

איך האב נאכאמאל געהאט די זכיה צו זיין ביי דער פאראייניגונג פון די צוויי סאסייטים. דאס איז געווען אין זייער טעמפעל אין דער 8טער סטריט, און פון דעם יאהר וואס מען האט זיך פאראייניגט ביז היינט זיינען זעהר פילע פאמיליעס געהאָלפען געווארען.

דער פרעזידענט פון דער היברו רעליעף סאסייטי אין 1940 איז דער פיל באקאנטער עסקן פרץ הימעלפארב.

דער גמילות חסד

די וויכטיגסטע און הייליגסטע אינסטיטוציע אין וואשינגטאן איז דער גמילות חסדים. ווען איך בין געקומען קיין וואשינגטאן אין 1901 איז נאך דער אידישער ישוב געווען זעהר קליין, און וואס קלענער א ישוב איז, אלץ קלענער איז די צאהל אָרימעלייט, און עס איז נאך דאן ניט געווען קיין שום צדקה אנשטאלט אין וואשינגטאן. אבער אז דער אידישער ישוב האט אנגעהויבען ווערען גרעסער האט זיך אנגעהויבען פיהלען די נויטבאדירפטיגקייט אין וואשינגטאן.

דאן האבען זיך צונויפגענומען דער פיעל-באוואוסטער מיטפיהלענ-דער ליבעראל טשארלס ראפאפארט און דער פיעל-באוואוסטער כלל טוער משה גארפינקעל און נאך איניגע פון די פני יענער צייט און האבען אין 1909 געגרינדעט דעם גמילות חסד, גאר אויף א קליינעם מאסשטאב. וואו מען האט געקאנט לייען בלויז ביז 25 דאלאר.

די אפיסערם און די ערשטע גרינדער זיינען געווען: לעאן באומגאר-טען ע״ה, פרעזידענט; בריגאזען ע״ה, וויס-פרעזידענט; סיימאן גארדאן ע״ה, טרעזשורער; מר. קריק, סעקרעטער און דזשאן וואָלף, פינאנס סעק-רעטער. אזוי האט זיך אוועקגעשטעלט דער גמילות חסד.

די אפיסערם פון 1940 זיינען: פרעזידענט, מר. טשארלס ראפאפארט שוין באלד 30 יאהר; וויס-פרעזידענטען, מר. בערנארד דאנזאנסקי און מר. פרץ הימעלפארב; טרעזשורער, מר. משה גארפינקעל; רעקארדינג סעקרעטער, דער שוחט מר. סטאָליער; פינאנס סעקרעטער, מר. ברייי-ווער, און א דאנק די גוטע ארבייט פון די פיהרער פון דעם גמילות חסד לייהט מען שוין איצט ביז די סומע פון 300 דאלאר, וואס מיט דעם קאן שוין איינער געהאלפען ווערען. דער גמילות חסד טוט איצט ביזנעס ארום 45 טויזענט דאלאר א יאהר.

די גמרא זאגט אז גמילות חסד שטעהט העכער פון צדקה, ווייל צדקה איז נאר פאר אן ארימאן אויפצוהאלטען דאס לעבען, אבער א גמילות חסד איז פאר אלעמען, צו העלפען יעדען איינעם ווידער ווערען דאס וואס ער איז אמאל געווען. מיט א גמילות חסד פון 300 דאלאר קאן א קליינער הענדלער א סך געהאלפען ווערען.

די היברו סיסטער אייד סוירקעל

באלד נאך דער גרינדונג פון דעם היברו רעליעף סאסייטי האט זיך געגרינדעט די היברו סיסטער אייד סוירקעל. דאס איז א קערפערשאפט פון פרויען צו העלפען אָרימע נויטבאדירפטיגע. דאכט זיך דער אייגענער געדאנק וואס די מענער סאסייטי, אבער עס איז דאָך אן אונטערשייד אין די הילף. אין די מענער סאסייטי דארף דער נויטבאדירפטיגער געהן זוכען וואו מען גיט די הילף און די פרויען געהן ארום און זוכען וועמען מען דארף געבען הילף. זיי געפינען אויס ווער עס דארף האבען הילף, ווארום עס געפינען זיך א'יניגע פאמיליעס וואס שטעהן ביי דעם שוועל פון אונטערגאנג און זיי ווילען זיך ניט מעלדען נאך הילף, אבער די פרויען פון דער היברו סיסטערס אייד סוירקעל געפינען אוים באצייטענס און די נויטבאדירפטיגע ווערען געהאלפען מיט אלץ וואס זיי דארפען און קיינער ווייסט ניט דערפון. זיי גיבען אויך אכטונג ווען עס קומט א אידישער יום־טוב, אויף די עלענדע וואס געפינען זיך אין די שטאדטישע האספיטעלער ווי דער סענט עליזאבעט האספיטאל און אויך גאלינדזשער האספיטאל. זיי טוען נאך זעהר גוטע ארבייט, זיי העלפען ארום אין אלע אומשטענדען.

די אפיסערם פון 1940 זיינען מרס. רוט טשערנאָוו, פרעזידענט; מרס. ליבע סיימאן, וויס־פרעזידענט און מרס. א. מאסטאוו, עקס־פרעזידענט. אויסער די אפיסערם העלפען אויך ארום אין די הייליגע ארבייט מרס. מארטא אייבראמס, מרס. סערע סיידעל, מרס. סערע ערליך און נאך איינינגע.

די סלאבאדקער לײדים אוקזילערי

די ליידים אוקזילערי פון דער סלאבאדקער ישיבה איז געגרינדעט געווארען אין 1933 מיט דער הילף פון הרב ר' יוסף פארבער. דער צוועק איז געווען צו העלפען בויען דעם נייעם בנין פאר דער ישיבה אין סלאבאדקע. פאר דער צייט וואס די אוקזילערי עקזיסטירט האבען זיי ארוים געהאלפען פילע אנדערע ישיבות. יעדער משולח וואס קומט פון א ישיבה געהט ניט אוועק מיט ליידיגע הענט. זיי גיבען פאר אלע ישיבות אָהן אונטערשייד. זיי העלפען אויך ארוים פילע נויטבאדירפטיגע וועלכע מעלדען זיך צו זיי. מיט איין וואָרט זיי טוען זעהר גוטע ארבייט אין דעם וועג פון צדקה. אלע אפיסער מיט דעם פרעזידענט ארבייטען טיכטיג און אלץ געהט צו אין בעסטען ארדנונג.

די פרעזידענטין פאר דעם יאהר 1940 איז זעלדע הורוויץ.

דער ארבייטער רינג ברענטש 92

דער ארבייטער רינג ברענטש 92 איז איינער פון די פראָגרעסיווסטע ליבעראלע ארגאניזאציעס און פארנעהמט א גרויסען אָרט אין דעם וואַשינגטאנער אידישען לעבען. דער מחבר פון וואשינגטאנער אידישען פנקס איז אליין געווען איינער פון די גרינדער פון דעם ברענטש. אין 1904, ווען איך בין נאָך געווען אליין א גרינער און א „פאָרווערטס" לעזער האב איך באגעגענט אין „פאָרווערטס" אז עס האט זיך געגרינ־דעט אן ארבייטער רינג אָרדען. איך האב צונויפגערופען אייניגע נאָך גרינע אזעלכע ווי איך צו מיר אין הויז, אין 1028 7טע סטריט, נ. וו., און מיר האבען אוועקגעלייגט דעם ערשטען ציגעל פאר אן ארבייטער רינג ברענטש אין וואשינגטאָן. פון די ערשטע גרינדערס געפינען זיך נאָך דריי: מאקס דעניסאָן, סעם קרייזיל און דער שרייבער פון די שורות, משה אלעקס. איך וויל אויך באמערקען אז איבער געוויסע צופעלע בין איך ניט געבליבען קיין מעמבער, נאר איך שעץ זיך גליקליך וואס איך האב דערלעבט צו זעהן אזא גרויסען ערפאָלג.

ס. גרינשפאן איז דער סעקרעטער פון ברענטש און י. טיישאף איז דער טשערמאן פון דער ארבייטער רינג קינדער שול.

דברים אחדים אביע בשם כל החברים והחברות מדא"ק הב"א
לידידנו אחד מזקני-העדה דעיר וואשינגטאן

משה ב"ר צדוק אלעקס

למלאות לו שמונים שנה

יקותיאל קערן

תמים היית כל ימיך
ישר בכל מפשע רגליך
ע"כ ירבו עוד ועוד שנותיך
ותהי בריא וחזק כשנות עלומיך.

בעזרת ה' הגעת לגבורות
בחייך ראית ארבע דורות
ובמלא מובן המלה בשנת השמונים
מברכת שמים עוד אתה בן אונים

קבל ברכתי מעמקי הלבב
ומפי שמע המזל טוב
והנותן ליעף כח ועצמה ירבה
ישפיע לך שנים הרבה

מעשיך הטובים מי מנה
כה וכה בכל עבר ופנה
ע"כ האל הטוב יתן לך מתנה
ותחיה עד מאה ועשרים שנה.

כתוב בתורת משה, את מספר ימיך אמלא
ולמאן דיהיב חיי אבקש ואחלה
כי יוסיף לך עוד שנות חיים
ותזכה לראות בנחמת ציון וירושלים.

די היסטאריע פון דעם דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא
היברו בענעפיט אסאסיאיישאן



פון

משה ב"ר צדוק אלעקס

וואשינגטאן, ד. ק.

די פיר יסודות

אויף וועלכע דער דיסטריקט אָף קאָלאָמביא היברו
בענעפישעל סאסייעטי שטעהט

צדק — יושר — בטחון — אחדות

צדק —וועז דער פרעזידענט טוט דעם מיטינג פיהרען
טאָר ער ניט אויסנוצען זיין שטארקייט;
ער דארף יעדען ברודער אויסהערען
און געבען דעם ברודער זיין גערעכטיגקייט.

יושר —דער וואָרט זאל שטענדיג זיין דער סימבאָל,
די מיטינגען זאל מען אין פריינדליכקייט פארוואנדלען;
דער פרעזידענט זאל זעהן אלעמאל
די ברידער מיט יושר באהאנדלען.

בטחון —דאס האבען פארמאגט די גרינדער א סך,
ביים גרינדען איז דער לאדזש געווען זעהר קליין;
דאס וואָרט „בטחון" איז א טייערע זאך,
מיט דעם בטחון איז ער אויסגעוואקסען אזוי שעהן.

אחדות—איינער פאר אלע און אלע פאר איינעם,
דאס זאל זיין אונזער הייליגע מאָטאָ;
ווי גוט איז אז ברידער לעבען אלע אינאיינעם,
שלעכט איז דער סאסייעטי ווען קיין אחדות איז ניטאָ.

„מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד."

די היסטאריע פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן

ווערטהע ברידער: איך האב געשריבען די היסטאריע פון דעם דיסט־ריקט אָף קאָלאָמביא לאדזש פון 1903, ווען איך בין אריין אין לאדזש, ביז 1938, ווען מיר געהן פייערען אונזער גרויסען יום־טוב, דעם 20־יאהריגען יובילעאום—דאס מיינט די 35 יאהר וואס איך באלאנג אין לאדזש. די היסטאריע לייענט זיך אזוי ווי א שעהנער ראמאן, און איך וויל אייך זאגען, ברידער, איהר זאלט ניט דיינקען אז איך האב געוואלט אימיצען חנפ'ענען. איך האב נאָר געוואָלט אויסדריקען מיין מיינונג וועגען יעדען פרעזידענט, וואס ער האט אויפגעטאן פאר דעם לאדזש. איך וויל אייך זאגען ברידער אז מיט דעם בוך וויל איך אז עס זאל בלייבען אן אנדענק פאר אונזערע קינדער און אויך אפילו פאר די אייניק־לעך, אז ווען זיי וועלען לייענען דעם בוך וועלען זיי וויסען וואס זייערע טאטעס האבען אויפגעטאן אין וואשינגטאן.

אויך ווערען דערמאנט אייניגע מעמבערס וועלכע זיינען נאָך גאר קיין אָפיסערס ניט געווען, עס ווערט אויסגערעכענט זייער גוטע ארבייט פאר דעם לאדזש.

ווערטהע ברידער, דער בוך וועט בלייבען דער פנקס פון דעם דיסט־ריקט אָף קאָלאָמביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן. יעדער מעמבער וועט קאנען זעהן די אונערמידליכע, ערפאלגרייכע און צופרידענשטעלענ־דע ארבייט פון אונזערע גרינדערס פאר די 20 יאהר וואס אלע האבען געארבייט פאר דעם וואָלזיין פון דעם לאדזש. איך ווינש און האָף אז די יונגע פיהרער זאלען דערלעבען פייערען דעם 50־יאהריגען יובילעאום מיט נאך א גרעסערען ערפאלג ווי אין די 20 יאהר, און זאלען ניט פארגע־סען די אמת'ע ברודער־ליבע, די אמת'ע פריידשאפט און איבערגעבענ־הייט פון אונזערע ערשטע גרינדערס, וועלכע האבען אויפגעבויט אזא שעהנעם שטארקען לאדזש. איך קאן זאגען אז דער לאדזש איז דער שטאלץ און א צירונג פאר וואשינגטאנער אידען בכלל.

מ ש ה   א ל ע ק ס.

צוואנציג יאהר וויכטיגע ארבייט פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן

ווען מען הערט איצט אין וואשינגטאן ריידען פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא לאדזש, די זעהר וויכטיגע ארבייט וואס דער לאדזש האט אויפגעטאן פאר די צוואנציג יאהר, איז פאר א זייטיגען מענשען זייך שווער פאָרצושטעלען אז פאר די שווערע ארבייט און פאר אלעם וואס דער לאדזש האט אויפגעטאן האט מען צו פארדאנקען עטליכע פאָלקס-מענשען מיט גרויסע השגות וועלכע האבען געגרינדעט דעם איצטיגען גרויסען לאדזש מיט צוואנציג יאהר צוריק. איצט אז אונזער לאדזש צעהלט זיך שוין ביי א טויזענט מעמבערס (כן ירבו) מיט א קעש פארמעגען פון 60 טויזענט דאלאר, און וועלכער האט אויסגעצאהלט 153 טויזענטפעלע, מיט א גמילות-חסד וואס קאן שוין אויסלייהען 200 דאלאר צו א מעמבער אָהן פראָצענט, איז שווער צו גלויבען אז עטליכע פשוט'ע פאָלקס-מענשען („עמך“, ווי שלום עליכם רופט זיי) זאלען קאנען אונטערנעמען אזא גרויסע אונטערנעמונג.

אבער לאָמיר אייך דערצעהלען די געש׳כטע פון דער גרינדונג פון אָנהויב אָן כסדר. פריהער פון אלץ א ביסעלע געשיכטע שאַדט ניט צו גערייניקען. ווען איך בין אריין—אין 1903—אין דיסטריקט אָף קאָלאָמביא לאדזש נומער 222 אינדעפּענדענט אָרדען ברית אברהם, האב איך אָנגעטראפען אין אנהויב פון א קלאסען-קאמף. דארט האט זיך געפונען אזא קלאס מעמבערס וועלכע האבען געהאט דאס גליק צו קומען קיין אמעריקא מיט עטליכע יאהר פריהער. זיי זיינען געווארען פון פעדלערס קליין-קעפיגע ביזנעס לייט און האבען זיך אליין אויסערוועהלט פאר די פני פון לאדזש, און האבען אנגעהויבען קוקען אויף אן ארבייטער ווי אין דער אלטער היים אמאָליגע יאהרען אויף א בעל מלאכה. אין היינטיגע יאהרען וואלט מען דאס גערופען א קאמף פון לינקע מיט רעכטע. איך אלס ארבייטער בין צוגעשטאַנען צום ארבייטער קלאס און איך האב געהאלפען פיהרען דעם טרויעריגען קאמף. זיי האבען געפיהרט דעם קאמף פאר יחוס און מיר האבען געפיהרט דעם קאמף פאר גלייכהייט.

די ענדע איז געווען אז מיר האבען זיך געמוזט צוטיילען אין 1910. זיי האבען זיך געגרינדעט א לאדזש פאר זיך אליין מיט דעם נאמען „נעשאנאל בענעפיט“ און מיר זיינען געבליבען א לאדזש ביי דעם נאמען „דיסטריקט אָף קאָלאָמביא“, אויך ביי די ביכער.

מיר האבען זיי געגעבען א העלפט פון די געלד וואס מיר האבען פארמאָגט. זיי זיינען געווען 75 מעמבערס און מיר זיינען געבליבען מיט קאַרגע 100 מעמבערס. מיר האבען געהאט דאס גליק וואס מיט אונז איז געבליבען דער אלטער זיידע אפעלשטיין ע״ה, דער פיל-באוואוסטער כלל טוער; דער פיל-באוואוסטער כלל טוער משה גארפינקעל; דער גרויסער

ליבעראַל טשאַרלס ראַפּאַפּאָרט און אויך דער לאָיער טעפּער און נאָך וויכטיגע מעמבערס, וועלכע האָבען זיך גלייך געגומען שטאַרק צו דער אַרבייט, און אַ גרויסען דאַנק אונזער ברודער משה גאַרפינקעל און נאָך אייניגע ברידער וועלכע האָבען אַריינגעבראַכט מעהר ווי 75 נייע מעמ־בערס.

באַלד דאָס אייגענע יאָהר, נאָך דעם צוטיילען זיך, האָבען מיר געהאַט דאָס גליק אַריינצוקריגען אונזערע איצטיגען פיהרער און גרויסען מענ־שען פריינד ברודער אברהם טאַש און אויך דעם לאָיער ברודער גאָטליב און נאָך אייניגע וועלכע האָבען אונז געהאָלפען שטאַרק אַרויפצואַרביי־טען אונזער לאָדזש צו דעם וואָס מיר זיינען איצט.

אונטער דער צייט — פון 1910 ביז 1918 — האָט אונזער ברודער אברהם טאַש געהאַט צייט דורכצומאַכען אַלס פּרעזידענט אין לאָדזש אונטערן אָרדען און אויך אַלס דעלעגאַט צו אַ קאָנווענשאָן, און ער האָט מיט זיין שאַרפען אויג דערזעהן וואָס עס געהט פאָר אין אָרדען, און איז געקומען פון קאָנווענשאָן גאַר אַן אַנדער מענש. אָט איהם האָבען די חכמים געמיינט ווען זיי האָבען געזאָגט: "איזהו חכם הרואה את הנולד". ער האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס עס שטעהט פאָר אין דער צוקונפט פאַר אונז, און אונזער ברודער אברהם טאַש איז געוואָרען דער ערשטער רעוואָלוציאָנער און האָט אָנגעהויבען פיהרען דעם הייליגען קאַמף צו ווערען פאַר זיך אַליין אַ לאָדזש.

פאַר דעם גרויסען אויפטו איז פאַראַנטוואָרטליך נאָר איין מענש, דאָס איז דער ערשטער פּרעזידענט פון דעם לאָדזש, ברודער אברהם טאַש. איהר וועט זיך וואונדערען וואָס איך שרייב אַז ברודער טאַש איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט אין 1919, קאָן איך אייך זאָגען אַז געגרינדעט האָבען מיר זיך אין 1918, נאָך דעם קאָנווענשאָן. מיר האָבען נאָך עלעק־טעט 3 דעלעגאַטען צום קאָנווענשאָן, ברודער מאָריס דריבין און נאָך צוויי. ברודער דריבין איז שוין ניט געפאָהרען און מיר האָבען געוואַרט אויף דעם רעזולטאַט פון קאָנווענשאָן, דערווייל האָבען מיר זיך צוגעגרייט ווי איך וועל שרייבען אין די שפּעטערע קאַפּיטלעך.

אָבער לאָמיר געהן כסדר.

עס איז ווינשענסווערט צו דערמאָנען אַז ווען ברודער אברהם טאַש איז געקומען פון דעם קאָנווענשאָן אין 1917 און האָט געזעהן מיט זיינע אויגען וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבען די קאַנטרי דעלעגאַטען אין אַ קאָנ־ווענשאָן פון אַן אָרדען, האָט אין איהם רעוואָלטירט זיין גייסטרייכע פאַנטאַזיע און ער האָט אָנגעהויבען אַגיטירען צו ווערען פאַר זיך אַליין אַ לאָדזש. איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָט אַנערקענט דעם טייערען געדאַנק און האָב זיך אונטערנומען צו העלפען איהם אויספיהרען זיין גרויסע אונטערנעמונג. איך בין געגאַנגען מיט דעם פּראַסטען שכל. דאָס יאָהר איז געווען דאָס שרעקליכע יאָהר פון דער אינפלוענציע ר"ל.

מיר האבען איינגעצאהלט אין אָרדען ארום 4000 דאלאר און זיי האבען אונז אויסגעצאהלט 1500 דאלאר, האב איך אויסגערעכענט אז פון א ביזנעס שטאַנדפונקט איז דאס אויך ניט גלייך. פונדעסטוועגען האבען מיר געהאט גאר א סך געגנערס, אייניגע האבען מורא געהאט זיך אונ־טערצונעהמען צאהלען אינשורענס אָהן אן אָרדען, אייניגע האבען געהאט פּאָליטישע אורזאכען. אזוי האט זיך אָנגעפאנגען א שטאַרקע דעבאַטע פון יאָ און ניין, יעדער מעמבער האט געדארפט ענטפערען דורך פּאָסט יאָ צו ניין. איך האב זיך אונטערגענומען צו פיהרען א הויז צו הויז אגי־טאַציע און דער יאָ האט געזיגט... אין דער צייט וואס מיר האבען גע־וואַרט אויף דעם ענטפער פון אלע מעמבערס האט ברודער אברהם טאַש מורא געהאט פאר די עטליכע הונדערט דאלאר וואס מיר האבען פאר־מאָגט אין די ביינק, אז איינער פון די געגנער זאל ניט לייגען די האנט דערויף, האבען מיר, איך אליין און דער פרעזידענט, וואס איז דאן געווען פ. העריסאן ע״ה, און ברודער בליינק, דער ערשטער טראַסטי, און אונזער געשעצטער טרעזשורער, ברודער ראפּאפּארט, און דער פיהרער פון דער רעוואָלושאן, אברהם טאַש, ארויסגענומען די 800 דאלאר און ברודער טאַש האט איבערגעגעבען דאס געלט צו ברודער ראפּאפּארט. עס קלינ־גען מיר נאָך אין די אויערען די ווערטער וואס ברודער טאַש האט געזאגט מיט א ציטער, „נאַט ברודער ראפּאפּארט, לייגט דאס אריין טיף אין קעשענע—דערוויל וועלען מיר זעהן וואס וועט זיין.״ דערווייל איז איבערגעגאנגען די קאָנווענשאן פון דעם יאהר 1918 און דזשאדזש סענ־דערס איז אראפּ פון גרענדמאסטערשיפּ און עס איז ארויף דזשאדזש הארטמאן, און איך וויל אייך אויסזאגען א סוד, אז דאס האט אונז אביסעל ארויסגעהאלפען...

אין אויגוסט, 1918, האבען מיר זיך געגרינדעט אליין פאר זיך א לאדזש. דעם ערשטען באָארד מיטינג האבען מיר געהאלטען ביי ברו־דער אברהם טאַש, אין 1246 7טע סטריט, נ. וו. די באָארד קאמיטע פון יאהר 1918 איז באשטאנען פון די פאָלגענדע: דער זיידע אייזיק אפּעל־שטיין ע״ה, דער ערשטער פיאָנער אברהם טאַש, משה אלעקס, זלמן בליינק, משה גארפינקעל, טשארלס ראפּאפּארט, מארים דריבין, לאָיער דזשאָזעף טעפּער, לאָיער ל. ס. גאָטליב, פ. העריסאן ע״ה, הערי דיק ע״ה, מאקס שאַק, מאקס זשענסאן ע״ה, חזן זאב וואלף טאַש. איך געדיינק נאָך דעם ערשטען מיטינג. מען איז אלע געווען שטאַרק פאראינטערע־סירט. יעדע גרויסע ענדערונג ברייגנט מיט זיך נייע ערשיינונגען און מען קאן ניט פאָראויסזעהן וואס די צייט וועט ברייגנען. עס קאן אמאל טרעפען אז א צוקונפט וואס מען ערווארטעט די שעהנסטע האפענונגען זאל זיך אויסלאזען אזוי פארפינסטערט אז מען זאל זי גאר ניט דער־קענען. דערפאר, די וואס האבען דערלעבט צו זעהן אז זייער ארבייט האט געהאט אזא גרויסען ערפאָלג דארפען זיך גאר א סך פרעהען.

די באָארד קאמיטע האט דענסטמאל אפּאָינטעט די ערשטע אָפיסערם ביז דער עלעקשאן פאר אפיסערם.

דעם ערשטען פּרעזידענט האט מען אפּגעגעבען דעם כבוד צו דעם עלטסטען ברודער אפּעלשטיין, נאָר דערפאר וואס ער איז געווען דער גרינדער פון ערשטען לאדזש, און גראדע איז ער געווען פון די ערשטע ניין־זאגערם. וויים־פּרעזידענט איז געווען אברהם טאַש, דאס האט גע־מיינט אז די גאנצע ארבייט איז ארויפגעלייגט אויף איהם, ווייל ברודער אפּעלשטיין איז שוין געווען האלב א באלטימארער און טאקע באלד אין גיכען אינגאנצען ארויםגעמופט קיין באלטימאר. ענדאומענט טרעזשורער מארים גארפינקעל; דזשענעראל טרעזשורער, טשארלס ראפּאפּארט; פי־נאנס סעקרעטער, משה בעקער; רעקארדינג סעקרעטער, נייטען רינג; גאַרד, משה אלעקס; און לאָיער דזשאזעף טעפּער אויסצושטעלען די קאָנסטיטושאָן.

ערשט צום רעגעלען מיטינג איז ברודער טאַש עלעקטעט געווארען אלס ערשטער פּרעזידענט פון דיסטריקט אָף קאָלאָמביא היברו בענע־פישעל אסאסיאיישאן, און די ריכטיגע שווערע ארבייט האט זיך ערשט אָנגעהויבען פאר איהם.

ווען מען רעדט פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא לאדזש מוז מען גלייך דערמאָנען דעם נאמען אברהם טאַש. ער האט אוועקגעלייגט גע־נוג צייט און געזונד ביז ער האט דערלעבט צו זעהן דעם לאדזש ווי עס איז איצט. שטעלט זיך פאַר, איצט זעצט זיך אוועק א פּרעזידענט פיהרען א מיטינג, דאס הארץ איז איהם זעהר גרינג, ער האט אונטער זיך א גרויסע טרעזשורי מיט אלערליי פאָנדען, מיט אלערליי ברענטשעס. אבער ווען ברודער טאַש האט זיך געזעצט פיהרען דעם ערשטען מיטינג האט ער פארמאָגט 800 דאלאר מיט דריי קראנקע מעמבערם אויף דעם טויטען בעט... דערוויייל האט מען ניט געוואוסט ווי די זאך קאן זיך ענדיגען. עס האט איהם און אלעמען גענוג געקלאפּט דאס הארץ. דער־ווייל זיינען מיר געבליבען אָהן א פונדאמענט צו צאהלען אינשורענס.

דער יעליסאוועטגראַדער פעראיין מיט דער דיסטריקט אָף קאָלאָמב־יא לאדזש זיינען געגאנגען זייט ביי זייט. די אייגענע מענשען וועלכע האבען געגרינדעט דעם לאדזש האבען אויך געגרינדעט דעם פעראיין. האב איך זיך צונויפגערעדט מיט ברודער טאַש און מיט ברודער גאר־פינקעל—ער איז אויך געווען א מעמבער פון פעראיין—צו פאראייניגען און מאכען פון דיביידע איין גרויסע ארגאניזיישאן, און דאָ האט זיך ערשט אנגעהויבען די שווערסטע ארבייט, ווארום אין יעדער ארגאניזיי־שאן געפינען זיך קליינקעפּיגע, שמאָלהערציגע מענשעלעך. אין לאדזש האבען זיך געפונען מעמבערם וואס האבען ניט געוואלט אריינגעמען דעם פעראיין און אין פעראיין האבען זיך געפונען מעמבערם וואס האבען ניט געוואלט אריין אין לאדזש, און דאָ האבען מיר געהאט זעהר א שווע־

רע ארבייט. נאָך נאָך שווערע מיה האבען מיר זיך פאראייניגט און די סעמעטערי איז געווארען דער פונדאמענט פון דעם לאדזש. מיר קאנען זאגען מיט שטאלץ אז דער פעראיין האט געמאכט פון דעם לאדזש דאס וואס ער איז איצט. אויך האבען מיר מיט דעם פעראיין צוגעקראגען עטלי־כע וויכטיגע ברידער וועלכע ארבייטען נאך מיט אונז ביז איצט, דאס איז בערנארד דאנזאנסקי, סעם קרייזעל, הערי בעקער און נאך איניגע, און אויך זלמן בליינק וועלכער האט באלאנגט איןביידע ארגאניזיישאנס.

די יאהרען 1919 און 1920 זיינען געווען די שווערסטע, ווארום דאס איז געווען דער אנפאנג ארבייט פון דעם לאדזש, ווי איהר ווייסט די ווערטער „כל התחלות קשות“, יעדער אָנהויב איז זעהר שווער, האט מען געדארפט עלעקטען די ריכטיגע אפיסערס און פאר 1920 האבען מיר עלעקטעט עקס־פרעזידענט, אברהם טאַש; פרעזידענט, ל. ס. גאטליב; און וויס־פרעזידענט, מארים דריבין. די דריי אפיסערס האבען אוועק־געלייגט דעם שטארקען פונדאמענט פאר דעם שעהנעם גרויסען בנין. אונטער ברודער טאַש'ס אדמיניסטריישאן האט מען זיך פאראייניגט מיט דעם פעראיין, און אונטער ברודער גאטליב'ס און דריבענ'ס אדמיניסט־ריישאן האט מען געגרינדעט דעם ערשטען רעליעף פאָנד צו העלפען א ברודער אין דער צייט פון נויט.

ווערטהע ברידער, אייך איז גוט באקאנט אז דער טויט קומט אונגע־בעטענערהייט, מען ריכט זיך ניט אויף איהם. מיר האבען זיך געריכט אויף דריי מעמבערס וואס זיינען געלעגען אויף דעם טויטען־בעט, און גראדע איז נאך איינער א געזונטער מעמבער געשטארבען, האבען מיר שוין געהאט פיר טויטענפעלע, און דאָ האבען מיר פארמאָגט בלויז 800 דאלאר און באדארפט אויסצאהלען 2000 דאלאר, איז אָנגעקומען אביסע־לע שווערליך, נאָר מיר האבען אויסגעצאהלט. אין א לאדזש געפינען זיך שטענדיג פייפערנע מעמבערס, זיי זיינען נאַכלעסיג מיט דעם צאהלען. זיי דיינקען, צאהל איך היינט ניט צאהל איך מאָרגען. זיי האבען זיך ניט גערעכענט מיט דעם אז דער לאדזש דארף האבען דאס געלט, פלעג איך ארומגעהן קאָלעקטען דיוס. איך פלעג דאס ערשטע יאהר ברייגנען צו א מיטינג 100 און אמאל 200 דאלאר. מען האט מיר געוואלט געבען קארפער אבער איך האב ניט גענומען, אזוי איז מיר געווען טייער און ליב דער לאדזש. דעם צווייטען יאהר האבען זיך שוין די ברידער צו־געוואוינט ברייגנען אליין די דיוס צום מיטינג און אזוי איז געבליבען ביז היינטיגען טאג.

ווען איינער ארבייט פאר דעם כלל
ווערט ער באוואוסט איבעראל.

און דאס איז אונזער פיל באוואוסטער עקס־פרעזידענט און געטרייער ארבייטער פאר דעם לאדזש און אויך פאר דער גאנצער מענשהייט, משה

גארפינקעל. עקס־פרעזידענט משה גארפינקעל איז געווען איינער פון די ערשטע מעמבערס נאך אונטערן אָרדען. משה גארפינקעל איז אריין אין לאדזש אין 1906. איך געדיינק גוט נאך זיין ערשטען מיטינג ווען ער איז איינגעשווארען געווארען און פון דעם ערשטען מיטינג האט ער שוין גענומען אן אינטערעס אין לאדזש.

ברודער משה גארפינקעל האט זיך שוין אין יענער צייט געדעכענט אין וואשינגטאן פון די „פני", פונדעסטוועגען אז מיר האבען זיך אין 1910 צוטיילט מיט די רייכע איז ברודער משה גארפינקעל געגאנגען מיט אונז אָרימע...

ער איז שוין פאר פילע יאהרען טשערמאן פון דער רעליעף קאמיטע, זיין הארץ און זיין נשמה איז נאָר צו העלפען דעם צווייטען. ווען אימיצער איז אין אן עת־צרה דאן פארגעסט ער אָן זיך אליין ביז יענער ווערט גע־האלפען. ער נעמט אויך א גרויסען אנטייל אין געזעלשאפטליכען לעבען מיט אלעם וואס האט נאָר א שייכות מיט דעם בעסטען פאר דער מענש־הייט און כלל. ער לאזט אויך ניט דורך קיין אונטערנעמונג אין לאדזש. ער איז אויך גוט באקאנט אין אלע וואשינגטאנער אינסטיטושאנס. ער האט כשר פארדינט דעם קלינגענדען נאמען, „שטאדט־טאטע".

איך וויל אויך באמערקען אז אין אָנהויב ווען אונזער לאדזש האט זיך געגרינדעט האט איין מעמבער ניט געקאנט קומען און זאגען אז ער וויל זיין פרעזידענט, און קומען מיט פריינט און ווערען פרעזידענט. אין די ערשטע יאהרען, ווען מיר האבען זיך גענויטיגט אין גוטע פיהרער פלעגען מיר אליין זוכען די ברידער וועלכע מיר האבען זיך געקאנט פאר־לאָזען אויף זיי. אין 1921 האבען מיר געהאט א וויים־פרעזידענט, א פיינעם יונגען מאן, נאָר פאר א פרעזידענט איז ער ניט געווען גוט גענוג, האבען מיר געשיקט א קאָמיטע צום ברודער דזשאזעף טעפער און מיר האבען איהם געבעטען ווערען פרעזידענט, און אין 1922 איז ברו־דער טעפער געווארען פרעזידענט, און ער איז טאקע געווען דער אמת׳־דיגער גוטער פרעזידענט און פיהרער. אונטער ברודער טעפער׳ס אד־מיניסטריישאן האבען מיר געהאט א וויים־פרעזידענט, איינער פון די פיינסטע יונגעלייט אין וואשינגטאן, נאָר ער האט אליין געפיהלט אז ער קאן ניט זיין קיין פרעזידענט אין אזא לאדזש, האט ער זיך אָפּגעזאגט און מיר האבען געמוזט בעטען אונזער ערשטען פיהרער, ברודער אברהם טאָש, ער זאל ווערען פרעזידענט, און אין 1923 איז ברודער אברהם טאָש געווארען נאכאמאל פרעזידענט. אזוי האבען מיר זיך געפיהרט יאהר נאך יאהר. מיר האבען געקליבען אפיסערס און אזוי זיינען מיר געוואקסען אלץ גרעסער און גרעסער. די קאָנסטיטושאן זאגט אז א פרעזידענט קאן ניט ווערען ביז ער איז א וויים־פרעזידענט אדער א מעמ־בער אין עקזעקוטיוו באָארד, דאס מיינט אז ער דארף זיין כאָטש א יאהר א מעמבער, נאָר אין 1926 האבען מיר אביסעל פארבויגען די קאָנסטי־

טושאן און מיר האבען גענוצט אביסעל שכל, און מיר האבען עלעקטעט א נייעם מעמבער, וועלכער איז געווען דאס ערשטע יאהר אין לאדזש, פאר פרעזידענט, און דאס איז א געוועזענער ברודער ל. נ. זוסמאן און איך קאן אייך זאגען אז מיר האבען זיך נים אפגענארט. ער איז געווען אן אויסנאמיגער פרעזידענט. נים אומזיסט האט דער ערשטער פרעזי־דענט, דזשארדזש וואשינגטאן, געמאכט אז א פרעזידענט טאר נים זיין קיין דריי מאל ווארום פון צופיל כבוד, פון צופיל מאכט, ווערט דער מענש אביסעל צומישט, ער קאן ווערען א דיקטאטאר. דאס זעלבע קאן מען זאגען אויף פרעזידענט זוסמאן, ער האט געהאט צופיל כבוד ביי אונז, איז ער געווארען אביסעלע צו שטארק ביי זיך... ער איז געווען דער איינציגער פרעזידענט וואס איז געווען דריי יאהר נאכאנאנד און האט נאך געוואלט זיין נאך א 4טען יאהר, אבער דא האט ער שוין איבער־געכאפט די מאָס. ווען ברודער זוסמאן געהט אוועק נאך די צוויי יאהר וואלט ער געבליבען אונפארגעסליך אויף שטענדיג. אויף אים קאן מען זאגען אז ער איז געווען דער קליגסטער און פעהיגסטער פרעזידענט וואס מען קאן געפינען.

אונטער זיין אדמיניסטריישאן האבען מיר דורכגעפירט אונזער ערשטען פינף־יאהריגען יובילעאום, און איך קאן אייך זאגען אז מיר האבען געהאט דעם אמת'ן עונג יום־טוב. אונזער לאדזש און אויך גאנץ וואשינגטאן האט געדיינקט אויף לאנגע יאהרען דעם שעהנעם באנקעט וואס ל. נ. זוסמאן האט דורכגעפיהרט אין אדד־פעלאוס האל, זיבעטע סטריט נארטוועסט. מיר האבען זיך געקאנט אביסעלע פרעהען, מיר זיינען שוין געווען אויף א באשטאַנד, מיר האבען שוין געהאט א פאאר טויזענט דאלאר אין דער טרעזשורי און אויסגעצאהלט צו צוואנציג פאמיליעס אינשורענס. איך קאן אייך זאגען נאכאמאל, ווען ער געהט אראפ פון פרעזידענט נאך די צוויי יאהר וואלט ער געבליבען אן אומ־פארגעסליכער פרעזידענט אויף א סך יאהרען. ער איז אבער געווען פרעזידענט אין 1924, 1925 און 1926, דאס האט פאראורזאכט אז ער האט געמוזט אין גאנצען רעזיגנירען.

אין 1927 איז געווען פרעזידענט הערי קאראל ע"ה. פון א שוכן־עפר קאן מען גארנישט נים ריידען, איין זאך קאן מען זאגען אז אין זיין צייט זיינען געווען שעהנע אינסטאליישאנס. ווען איך האב געשריבען די ערשטע היסטאריע צו דעם צעהן יאהריגען יובילעאום, האב איז געשרי־בען אז ברודער ברייל און דער לאדזש איז חד־הוא, ציה איך נים מיינע ווערטער צוריק. אבער די ווערטער ווערען נים אויסגעהאלטען ביי דער איצטיגער צייט. פון די ערשטע צעהן יאהר ביז די צווייטע צעהן יאהר איז א גרוי־סער אונטערשייד... ער איז געווען פרעזידענט פון 1928. אין זיין צייט, אונטער זיין אדמיניסטריישאן איז געווען דער צעהן יאהריגער יובילעאום, ביז דעם צווייטען יובילעאום האבען מיר שוין פאר די צעהן יאהר אויס־

געצאהלט צו 48 פאמיליעס אינשורענס. אונזער הארץ איז שוין געווען א סך גרינגער.

אין 1929 איז געווען פרעזידענט אונזער פיל באוואוסטער כלל-טוער אין וואשינגטאן, ברודער משה גארפינקעל. ברודער משה גארפינקעל איז נאך פון די אלטע פיאָנערען. ער האט אויך דורכגעמאכט די צוטיי־לונג פון 1910 כאָטש ער איז געווען דענסטמאל ארייגערעכענט צווישען די פּני, פונדעסטוועגען איז ער געגאנגען מיט די בליינקיסטען. אונטער זיין אדמיניסטריישאן, אין 1929, איז געגרינדעט געווארען דער גמילות חסד ברענטש, דאס איז איינער פון אונזערע הייליגסטע ברענטשעס. ווען מען רעדט פון דעם גמילות חסד מוז מען דערמאָנען ברודער מארים דריבין. ער איז געווען דער טאטע פון דעם ברענטש, ער האט אוועקגע־לייגט דעם ערשטען פאָנד אויף דעם, דאס מיינט דעם ערשטען באָל וואס ער האט דורכגעפיהרט, און אזוי געהט דאס ביז היינט. די בעלער טראָ־גען אריין אלע יאהר מעהר און מעהר. ברודער משה גארפינקעל איז אויך טשערמאן שוין פילע יאהרען פון דער רעליעף קאמיטע.

דער יאהר 1929 האט געהאט מזל. ער האט פארמאָגט צוויי פרעזי־דענטען. דעם צווייטען האלב יאהר איז געווען פרעזידענט איינער פון די ערשטע גרינדערס און אויך איינער וואס איז שוין געווען פרע־זידענט אין די ערשטע יאהרען. ער איז געווען דער צווייטער פרע־זידענט נאך ברודער אברהם טאָש אין יאהר 1920, און דאס איז ברו־דער ל. ס. גאטליב. ברודער גאט־ליב איז אויך געווען פרעזידענט אין יעליסאוועטגראדער פעראיין; אונטער זיין אדמיניסטריישאן, אין 1911, האט מען געקויפט די סעמע־טערי. ברודער גאטליב איז אויך איינער פון די אלטע מעמבערס וואס האבען דערלעבט צו זעהן דעם גרויסען ערפאלג וואס אונזער לאדזש האט געמאכט פאר די 20 יאהר און ער האט אויך אנטייל גע־נומען אין אונזער גרויסע שמחה וואס מיר האבען געפייערט אין יאהר 1938.



ל. ס. גאטליב

אין 1930 האבען מיר געהאט א פרעזידענט וואס האט איבערגעלאזט זעהר א טייערען גרויסען אנדענק אויף יאהרען און יאהרען, און דאס איז אונזער פיל באוואוסטער ברודער מאקס גאָרין. ווען איך וועל דערמאָנען מאקס גאָרין מוז מען זיך אריינטראכטען אין דער פארגאנגענהייט. א דאנק די ארבייט פון א הייפעלע איבערגעגעבענע מעמבערס פאר דעם לאדזש, ווייסען וויניג וועגען דעם יעליסאוועטגראדער פעראיין מיט דער סעמעטערי. ווען דער לאדזש האט זיך געגרינדעט האט ער גאר ניט געהאט קיין סעמעטערי. דער לאדזש האט אלערליי ברענטשעס צו העלפען דעם מעמבער אבער ניט אלע מעמבערס קומען נאך הילף. איינינע ווילען ניט קיין גמילות חסד, קיין רעליעף, א. אז. וו. עס קומען נאָר די וועלכע דארפען די הילף. אבער איין ברענטש איז דאָ וואס יעדער מעמבער מוז אָנקומען, סיי רייך, סיי אָרים, סיי אַלט, סיי יונג. אלע מוזען אָנקומען צו דעם ברענטש; קיינער קאן איהם ניט אויסמיידען, און דאס איז די אייביגע היים, די סעמעטערי. ווען א פאמיליע באגלייט איהר ליבסטען, איהר טייערסטען צו דער אייביגער היים מוזען זיי האבען אן אָרט וואו צוגעזעגענען זיך מיט איהם אדער מיט איהר, און דאס האט אונזער ברודער מאקס גאָרין, אלס פרעזידענט אין 1930 און אויך אלס בילדער, אונז אויסגעבויט דעם שעהנעם טשאפעל, דעם הייליגען אוהל, און זיין נאָמען איז פאראייביגט געווארען. דורך דעם שעהנעם טשאַפּעל און די שעהנע הויז דערביי קאנען מיר האלטען א אידישען סופעראינטענדענט און מיר פארשפּאָרען צו האלטען א גוי אן אנטיסעמיט. דורך דעם שעהנען טשאַפּעל איז אונזער לאדזש פיל רייכער געווארען. מאקס גאָרין אלס עקס-פרעזידענט נעמט א גרויסען אנטייל אין לאדזש. ער איז אויך איינער פון די זיילען וואס העלפען אונטערהאלטען דעם הייליגען גמילות-חסד פאָנד. ער טראגט צו אלע יאהר צום באַל גרויסע בייטראגען אין געלט. מאקס גאָרין איז א מענש וואס א חוץ דעם לאדזש נעהמט ער אויך אן אינטערעס אין אלע אידישע אינסטיטוציעס, ער גיט אומעטום מיט דער פולער האנט.



מאקס גאָרין

אין 1931 איז געווען פרעזידענט א מעמבער אלט אין יאהרען נאָר יונג אין דער ארבייט, און דאס איז ישראל נאוויאזער. ער איז געווען אן אלטער מעמבער נאך אונטערן אָרדען, נאָר ער איז קיינמאל ניט געווען ביי א מיטינג. נאָר פון דער צייט וואס מען האט זיך אפגעטיילט פון אָרדען האט ער זיך גענומען צו דער ארבייט און איז געווארען פרעזידענט. אונטער זיין אדמיניסטריישאן אין דורכגעפירט געווארען דער דיסאבי־ליטי ברענטש, דאס איז איינער פון די וויכטיגסטען און בעסטע ברענטש־עס אין לאדזש.

דער טאטע פון די רעזאלושאן איז אונזער פיל באוואוסטער ליבעראל און מיט־פיהלענדער מענשען־פריינט טשארלס ראפאפארט. נאָר אזא מענש ווי ראפאפארט האט געקאנט ארייברייינגען אזא רעזאָלושאָן.

ווערטהע ברידער, אין לאדזש געפינען זיך 3 וויכטיגע ברענטשעס: רעליעף, פרי לאָאן, און דיסאבילויטי. רעליעף איז געווים גוט, מען העלפט א ברודער צו געהן אין ביזנעס, ער זאל ניט דארפען אָנקומען צו רעליעף. אבער דיסאבילויטי איז גאר אן אנדער זאך. ברודער ראפאפארט האט זיך ארייגגעטראכט ווי אזוי צו העלפען דעם אלטען ברודער. ביי די אָרדענס, אז אן אלטער מעמבער קאן ניט צאהלען ווארפט מען איהם ארויס, מען האט מיט איהם קיין רחמנות ניט. ווען איהר קוקט זיך צו צו דעם מענשענ׳ס לעבען וועט איהר זעהן אז יעדער מענש פיהרט א שווערען קאמף זיין גאנצען לעבענס־פעריאד, איינעם שפילט צו דאס גליק, ער ענדיגט זיין לעבען גליקליך מיט א רוהיגען עלטער, און איינער פיהרט זיין גאנץ לעבען א שווערען קאמף און עס קומט איהם אוים אויף דער עלטער צו בלייבען שטעהן ביי גארנישט... אָט דאס איז געקומען אונזער ברודער ראפאפארט מיט דעם געדאנק ניט צו לאזען פאלען די אלטע מעמבערס, און איך קאן אייך געבען דעם רעפּארט אז דריי מעמ־בערס זיינען שוין געשטארבען און די אלמנות האבען אָפּגענומען די אינ־שורענס, און זעקס ברידער זיינען איצט אונטער דעם דיסאַביליטע פאָנד. דאס וועט בלייבען א לעבעדיגער אנדענק פאר אונזער ברודער ראפא־פארט און אויך פאר ברודער נאוויאזער, אז אונטער זיין אדמיניסטריישאן איז דורכגעפיהרט געווארען אזא גרויסע הייליגע אינסטיטושאן.

אין 1932 האבען מיר געהאט דעם אינגסטען אומפארגעסליכען פרע־זידענט, דאס איז איזידאר לעוואין. פאר איהם קאן איך זאגען עטליכע אמת׳ע ווערטער:

מיר האבען איהם רעספעקטירט
פאר זיין אזוי יונג און האבען קוראַזש,
ער פלעגט פיהרען די מיטינגען אָהן רעש.

דאס גרעסטע פארגעניגען איז געווען צו פארברייינגען ביי זיינעם א מיטינג. ער איז געווען יונג אין יאהרען אבער ער איז געווען אלט אין

שכל. ער איז אויך געווען דער הויכגעבילדעטער אינטעליגענטער פרע־זידענט. אין זיין צייט האט ער אויך גענומען א שטארקען אינטערעס אין דער סעמעטערי, כאָטש ער איז נאך אליין גאָר א יונגערמאן. אייניגע יונגע מעמבערס האבען פיינט צו דערמאנען די סעמעטערי, און ברודער איזידאר לעוואַין איז שוין עטליכע יאהר סעקרעטער און טרעזשורער אין דער סעמעטערי קאמיטע. ער איז אויך דער ליגעל אדווייזאר פאר די סעמעטערי אנגעלעגענהייטען. ער שרעקט זיך ניט פאר דער סעמע־טערי.

מיר שעצען זיין פיינקייט,
אויך זיין פארשטאַנד, זיין מוט;
ער האט אלטע מעמבערס רעספעקטירט,
מיט איטליכען געווען גוט.

אין 1933 האבען מיר געהאט א פרעזידענט, זעהר א ליבעראל און אן אידעאליסט, ברודער משה פליישמאן. ווען מען רעדט פון דעם פרי לאַאן מוז מען זיך אָפּשטעלען און ארומריידען דעם געדאנק פון א גמילות חסד, ווארום משה פליישמאן און דער גמילות־חסד איז חד־הוא. דער פרק זאגט: „על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים“, אין אן אנדער פלאץ זאגט די גמרא אז גמילות חסד איז א סך העכער פון צדקה, ווייל צדקה הייסט אז איהר גיט אן אָרימאן א נדבה און דערמיט איז מען שוין פארטיג. גמילות חסד אבער מיינט ווען איהר זייט פאראינטערעסירט אין דעם מענשען און איהר העלפט איהם ארויס אין אלע זיינע נויטען. מיר געדיינקען פון דער אלטער היים די פראַצענטניקעס. ווען איי־נער פלעגט לייהען 100 דאלאר. דאס ערשטע פלעגט ער אראפּנע־מען 30 דאלאר. ער פלעגט קומען אהיים נאָר מיט 70 דאלאר און דעם הונדערטער האט ער קיינמאל ניט געקאנט אויסצאהלען. אבער גמילת חסד איז שוין א מענשליכערע איי־דעלע פראָבלעם, מען מוז באזיצען א מענשליכע נשמה, מען מוז זיין אן אידעאליסט, און אזא מענשליכע נשמה באזיצט אונזער ברודער משה פליישמאן. ער איז שוין סעק־



משה פליישמאן

רעטער פון דעם גמילות חסד פון 1929—שוין עלף יאהר. א סך מעמבערס האבען שוין געליהען געלט און קיינער האט זיך נאך ניט באקלאגט אויף משה פליישמאן אז ער האט זיי ניט מענשליך באהאנדעלט. פארקערט, ער ווערט נאָך ניט איינמאל קריטיקירט פון די אפיסערס אז ער איז צו איידעל, צו פיין צו די צאהלערס. ווען א ברודער קומט נאך אן אפּליקיי־שאן ווארט ער ניט קיין 10 מינוט און באהאנדעלט דעם ברודער מיט דער גרעסטער פריינדשאפט. ער איז דערצו געבוירען מיט זיין פיינקייט. איך וויל אייך אפגעבען דעם רעפּארט פון דעם ג"ח. געגרינדעט האט זיך דער גמילות חסד אין דעצעמבער 1929; אויסגעליהען פאר דער צייט ביז איצט צו 325 מעמבערס, אין דער סומע פון 35 טויזענט דאלאר. ביי דער איצטיגער צייט איז אויסגעליהען צו 101 מעמבערס א קאפּיטאל פון 7 טויזענט מיט 200 דאלאר. די אלע געלדער זיינען דורכגעגאנגען דורך דעם גרויסען מענשען-פריינט משה פליישמאן.

ווען איך האב איהם דערקענט
איז ער געווען אן אמת'ער אינטעליגענט.

אין 1934 איז געווען פּרעזידענט איינער פון די באליבסטע, איבער־געבענסטע מעמבערס פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא לאָדזש, ברודער הערי פּארעצקי. מען קאן זאגען דער שטילער אינטעליגענט. דאָ וויל איך זיך אפּשטעלען און ארום־ריידען ברודער הערי פּארעצקי. ניט זייענדיג לאנג אין לאָדזש קאן מען זאגען אז זיין פיינקייט, זיין שטילקייט, האט געוואונען דעם צו־טרוי פון אלע מעמבערס אין לאָדזש און ער איז באלד געווארען וויים־פּרעזידענט, און טאקע באלד אין 1934 האט מען איהם אנפארטרויט דעם גרויסען אמט פון פּרעזידענט. ווען ער איז געווארען פּרעזידענט האט ער נאך פאר דעם לאָדזש גאר ניט געטאן, ער איז נאך געווען א נייער מעמבער, נאָר אלס אינטעלי־גענט האט ער ערשט אנגעהויבען ארבייטען פאר דעם לאָדזש אלס עקס-פּרעזידענט און איז געבליבען אן איבערגעבענער מעמבער אין לאָדזש אויף שטענדיג און טוט גוטע ארבייט פאר דעם לאָדזש.

הערי פּארעצקי

אין 1935 איז געוועזן פּרעזידענט דער פיל באוואוסטער אין וואשינג־טאן, נייטען פּלאטניק. איהם קאן מען אָנרופען דער פּרעזידענט פון פאר־געניגען, און אויך דער טאלעראנטער צו אלטע מעמבערס. ער האט גע־לערענט חומש, און דער חומש לע־רענט אונז „מפני שיבה תקום" פאר אן אלטען מאן זאלסטו האבען דרך ארץ. ברודער נייטען פּלאטניק איז געוועזן דער פּרעזידענט וואס האט דורכגעפיהרט דעם אכציג־יאהריגען געבורטסטאג פון ברו־דער אפּעלשטיין. עס איז געוועזן איינע פון די שענסטע בילדער וואס מען האט געזעהן. איינינע פּרעזי־דענטען ווילען גארניט וויסען פון אן אלטען מעמבער. ער האט אויך דורכגעפיהרט דעם עקס־פּרעזי־דענט אווענד, דאס האט אויך צו טאן מיט אלטע מעמבערס. דאס איז געוועזן אן אווענד פון פארגע־ניגען, און נאך איינינע פארגעני־גענס וואס ער האט דורכגעפיהרט דעם יאהר וואס ער איז געוועזן פּרעזידענט.

נייטען פּלאטניק

ווען איינער וויל מען זאל שעצען זיין ווערט
איז צו טאן גוטעס קיינמאל ניט צו שפּעט.

אין 1936 האבען מיר געהאט א פּרעזידענט וואס מען קאן איהם אָנרופען יונג און אַלט, דאס איז מר. היימאן ראַטנער. דאס מיינט אז ער איז געוועזן יונג אין דער ארבייט אין לאדזש אבער אלט אין יאהרען אין לאדזש אלס מעמבער. עקס־פּרעזידענט מר. ראטנער האט באוויזען אז עס איז קיינמאל ניט צו שפּעט צו טאן גוטע זאכען פאר דעם לאדזש. איך אליין קאן שוין ברודער ראטנער אריבער 30 יאהר אין לאדזש. אין די יונגע יאהרען האט ער ניט געקאנט אטענדען די מיטינגען אין לאדזש, אבער ווען מען האט זיך אפּגעטיילט פון דעם אָרדען איז ער געוועזן פון די ערשטע יאַ זאַגערס, און דאס האט געהאט א גרויסען ווערט אין יענער צייט. איצט אז גאט האט איהם געהאלפען אויף דער עלטער אז ער קאן אטענדען די מיטינגען האט ער באוויזען אז עס איז קיינמאל ניט צו

שפעט. ער האט זיך אריינגעווארפען אין דער ארבייט מיט אלע זיינע כחות. ער איז שוין געווען וויים-פרעזידענט און אויך פרעזידענט, און איצט אלס עקס-פרעזידענט טוט ער זעהר פיל אין דער באל קאמיטע און אויך אין פילע אנדערע קאמיטעס און מיר האפען אז ער וועט זיין געזונד און טאן נאך גאר פילע גוטע ארבייט פאר דעם לאדזש.

דער יאהר 1937 האט מיטגעבראכט אז די פיהרערשאפט איז איבער־געגאנגען צו יונגע לייט. אין 1937 איז געווען פרעזידענט איינער פון די יונגע מעמבערס, מר. מארים רובין. איך פארהאָף אז איצט וועלען אנהויבען געהן יונגע פרעזידענטען אזוי ווי דער סדר העולם איז, אז די אלטע דארפען מאכען אָרט פאר די יונגע. נאָר די עלעקשאנס זאלען ניט זיין קיין פּאָליטישע, עס זאל זיך פיהרען ווי עס האט זיך געפיהרט אלע יאהרען. אין לאדזש זאלען זיין אמת'ע עלעקשאנס... די יונגע פרעזי־דענטען וואס וועלען קומען האבען זיך פיל צו לערנען פון די אלטע עקס־פרעזידענטען. פון עקס-פרעזידענט ברודער טאַש, צו זיין א ליבעראל; פון עקס-פרעזידענט ברודער דריבין, צו זיין א קאנסערוואטיוו, נאָר מיט מענשליכקייט; פון עקס-פרעזידענט ברודער פליישמאן, צו זיין אן אידעא־ליסט; פון עקס-פרעזידענט ברודער פארעצקי, צו זיין אן אינטעליגענט; פון עקס-פרעזידענט ברודער פלאטניק, צו זיין טאלעראנט צו אלטע מעמבערס; פון עקס-פרעזידענט משה גארפינקעל, צו זיין א פילאנטראפּ; און פון אונזער אלטען, אלטען עקס-פרעזידענט, איינער פון די ערשטע טשאַרטער מעמבערס, זלמן בליינק, צו זיין א סבלן, צו אויסקומען מיט דעם גאנצען לאדזש, און זיך קיינמאל מיט קיינעם ניט קריגען.

יעדער וויל זיין אין לאדזש א האַר,
איינער נעהמט דאס ווי א חכם—דער צווייטער ווי א נאַר.

ווען איינער ענדיגט א פּראָבלעם וואס אן אנדערער האט אָנגעהויבען געהט עס אויף דעם נאמען פון דעם וואס האט דעם פּראָבלעם אָנגעהוי־בען. דאס אייגענע איז איצט מיט אונזער ברודער היימאן קאהען, וועל־כער האט געהאט דאס גליק צו זיין פרעזידענט אין דיסטריקט אָף קאָ־לאָמביא היברו בענעפיט אסאסיאיישאן אין 1938, ווען אונזער לאדזש האט געפייערט דעם 20-יאהריגען יובילעאום. ברודער היימאן קאהען

היימאַן קאהען

דארף זיך פיהלען גליקליך וואס אויף זיין גורל איז אויסגעפאלען צו זיין פרעזידענט אין 1938, פונקט צום באנקעט וואס דער לאדזש האט געמאכט דעם 20טען אקטאבער, 1938, אין בית־שלום שוהל. אונזער ערשטער פרעזידענט פון 1918, ברודער אברהם טאַש, פיהלט זיך גליקליך און שטאָלץ וואס זיין אר־בייט פאר די 20 יאהר האט געהאט אזא גרויסען ערפאלג, און וואס דער לאדזש געהט איבער אין גוטע הענט, און ער ווינשט אז די יונגע ברידער זאלען ניט אוועקגעהן ניט רעכטס און ניט לינקס, זיי זאלען געהן גלייך מיט'ן שטראָם. איינינגע ברידער זוכען מיטלען ווי אזוי צו־צוציהען דעם יונגען דור, קאן איך אייך זאגען אז עס איז זעהר א שווערע ארבייט. עס זיינען דאָ עטליכע קלאַסען יונגע מעמבערס, איינינגע קומען אריין צו ווערען פרעזידענטען אין לאדזש און טאמער ווערט ער ניט געהט ער ארויס פון לאדזש. איינינגע געהן אריין פשוט פאר אינשורענס ווייל די קאסטען זיינען זעהר קליין, פאר 19 דאלאר מיט 20 סענט איז ער אינשורט אין 1000 דאלאר, דערצו נאך אנדערע בענע־פיטען. ער קומט ניט א גאנץ יאהר צו די מיטינגען, סיידען עס טרעפט איהם עפּעס אן אינצידענט דאן קומט ער צום לאדזש. א קליינער פראָ־צענט יונגע מעמבערס קומען אריין אין לאדזש צו העלפען ארבייטען פאר דעם לאדזש מיט דעם אמת'ן צוועק. צו דעם קליינעם פראָצענט קאן מען צורעכענען אונזער ברודער היימאַן קאהען. ער טראגט אריין גרויסע געלדער צו דעם פרי לאאן פאָנד, ער נעהמט אן אינטערעס אין אלע קאָ־מיטעס פון דעם לאדזש.

---

20 יאהר מיט גרויס סוקסעס זיינען איבערגעלאָפען
נייע 20 יאהר מיט א גרעסערען סוקסעס, לאָמיר אלע האָפען.

אין יאהר 1938 האבען מיר געהאט א וויס־פרעזידענט איינעם פון אונזערע אינטעליגענטע ברידער, לאָיער מאקס אָסטראָוו. ער איז דער איינציגער וויס־פרעזידענט וואס האט זיך פארדינט צו ווערען אריינגע־

שריבען אין דער היסטאָריע פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא היברו בענעפיט אסס'ן איבער עטליכע אורזאכען. ערשטענס, דאס וואס ער האט געהאט דאס גרויסע גליק צו זיין וויס-פרעזידענט גראדע אין דעם יאהר וואס מיר האבען געפייערט אונזער גרויסען יום-טוב, דעם 20-יאהריגען יובילעאום. צווייטענס קאן איך זאגען אויף איהם אז ער איז פון די ברידער וואס זיינען איבערגעבען צום לאדזש מיט דעם גאנצען הארצען. אויף איהם קאן איך זאגען די ווערטער פון פרק: „שלא על מנת לקבל פרס". ער איז געלאפען פאר וויס-פרעזידענט אין 1937 און איז דורכגעפאלען, האט ער ניט פארלארען זיין מוט ווי אנדערע ברידער טוען, אז זיי קריגען ניט דאס וואס זיי ווילען, טויג שוין דער גאנצער לאדזש ניט. ער האט געארבייט ווייטער פאר דעם לאדזש מיט דעם גאנצען הארצען. ער איז גענוג אינטעליגענט, גענוג פארשטאַנדיג, ער האט געוואוסט אז זיין צייט וועט קומען, און עס איז טאקע געקומען אין דעם גליקליכען יאהר 1938. דריטענס, ווען די שפעטערדיגע היסטאָריגער וועלען שרייבען די היס-טאריע פון די אנדערע 20 יאהר, דאס מיינט אין 1958, וועלען זיי דארפען שרייבען פון דעם ערשטען פרעזידענט, לאָיער מאקס אָסטראוו, ווארום דער עלעקשאן קומט פאָר אין דעצעמבער 1938, דאס איז ענדע יאהר, און פרעזידענט איז ער געווען אין 1939. דערפאר האב איך פון איהם גע-שריבען אלס וויס-פרעזידענט פון דער איצטיגער היסטאָריע, און איך ווינש און האָף אז די קומענדע פרעזידענטען פון די אנדערע 20 יאהר זאלען ניט אויפטאן ערגער ווי די פרעזידענטען פון די ערשטע צוואַנציג יאהר. די היינטיגע יונגע מעמבערס וועלען שוין דעמאלסטמאל הייסען אלטע און מיר אלטע—ווייסט איהר דאָך אליין די ענדע פון אלטע. . .

מרס. ראזע ראדמאן

מארים ראדמאן

אין 1940, אין דעם יאהר וואס איך שרייב מיין היסטאריע און אויך די היסטאריע פון לאדזש, איז פרעזידענט ברודער מארים ראדמאן, און גראַדע איז די פרעזידענטין פון דער ליידיס אוקזילערי שוועסטער ראזע ראדמאן.

עס איז כדאי צו געבען א קורצען איבערבליק פון 1918 ביז 1940. די גרינדערס פון דעם דיסטריקט אָף קאָלאָמביא היברו בענעפיט אסא־סיאיישאן האבען ארויסגעוויזען אן אויסערוועהנליכען מוט און אויך בטחון. זיי האבען גענומען אויף זיך א גרויסע פאראנטווארטליכקייט צו די שוועסטער און ברידער פון דעם לאדזש ווען זיי האבען זיך אונטער־גענומען פאר 16 דאלאר מיט 20 סענט א יאהר דיוס צו צאהלען 1000 דאלאר אינשורענס. אין 1920, ווען מיר האבען זיך פאראייניגט מיט דעם פעראיין און דער פעראיין האט אונז געגעבען די סעמעטערי האבען מיר געהעכערט די דיוס מיט א דאלאר; אין 1922 האבען מיר געגרינדעט דעם רעליעף פאָנד צו העלפען א ברודער אין פאל פון נויט, האבען מיר גע־העכערט נאך א דאלאר; אין 1926 האבען מיר געגרינדעט דעם דיסאבי־ליטי פאָנד צו העלפען אן אלטען קראנקען מעמבער, האבען מיר געהע־כערט נאך א דאלאר, איז געווארען 19 דאלאר מיט 20 סענט, און דערמיט שטעהן מיר ביז היינטיגען טאג און מיר צאהלען 1000 דאלאר אינשו־רענס. איך האָף אז די קומענדע שרייבער וועלען דארפען אויפמישען א

נייעם בלאַט אין דער געשיכטע פון דעם לאדזש, און איך פארענדיג מיט דעם ערשטען פרעזידענט, ברודער אברהם טאַש, ביז דעם לעצטען פרעזידענט, לויט די היסטאָריע פון לאדזש, 1940, ברודער מארים ראדמאן, און וויים-פרעזידענט ברודער בארנעט פעסקין. איך ווינש זיי פיל גליק.

עקס-פרעזידענט ברודער זלמן בליינק האט זיך פארדינט אז מען זאל שרייבען פאר איהם א באזונדער בלאט אין דער געשיכטע פון דעם לאדזש. ברודער בליינק איז דער עלטסטער מעמבער אין לאדזש, ניט אין די יאהרען, נאָר אין דער ארבייט. ער איז דער איינציגער טשאַרטער מעמבער פון 1900. ברודער בליינק קאן איצט מיט שטאָלץ פייערען זיין 40-יאהריגען יובילעאום. ווען איך בין אריין אין לאדזש, אין 1903, האב איך שוין געטראפען ברודער בליינק אלס אן אלטען מעמבער אין לאדזש. אין 1907, ווען מיר האבען געגרינדעט דעם פעראיין, איז ברודער בליינק געווען איינער פון די ערשטע מעמבערס ביז מיר האבען זיך געאייניגט מיט דעם לאדזש. אין 1910, ווען מיר האבען זיך צוטיילט מיט דעם לאדזש, נאָך אונטערן אָרדען, זיינען דאן געווען צוויי פארטייען. עס זיינען געווען בליינק'איסטען און אויך קריק'איסטען. אין 1918, ווען מיר זיינען ארויס פון אָרדען, האט ברודער בליינק ווייטער געשפילט א גרויסע ראָלע. ער איז גראַדע געווען דער ערשטער טראָסטי און איז געווען איינער פון די פיהרער. ער האט ארויסגענומען די 800 דאלאר און האט דאס איבערגעגעבען צו ברודער ראפאפארט. ווען ער זאל האבען געווען איינער פון די געגנער וואלט ער געקאָנט א סך קאַליע מאכען. ברודער בליינק איז שוין א סך יאהרען טשערמאן פון איינער פון די שעהנסטע ברענטשעס וואס די לאדזש פארמאָגט, דאס איז דער דיסאַבילּיטי ברענטש, אכטונג געבען אויף אן אלטען אָרימען ברודער. דאס איז דער איידעלסטער און בעסטער ברענטש, ניט צו לאזען ארויסווארפען א מעמבער אויף דער עלטער. אין אָרדען,



זלמן בליינק

אז איינער האט ניט געקאנט צאהלען די דיוס, האט מען איהם ארויס־געווארפען פון לאדזש. ברודער זלמן צבי בליינק נעהמט אויך אן אינטע־רעס אין אלע קאמיטעס פון דעם לאדזש. ער היט אָפּ שטארק די מצוה פון ביקור־חולים, ער באזוכט אלע קראנקע מעמבערס. ער נעהמט אויך אן אינטערעס אין דער רעליעף קאמיטע צו העלפען אן ארימען ברודער. מיט איין וואָרט, ער ארבייט שטארק פאר דעם לאדזש גאנצע 40 יאהר. איך ווינש איהם נאך פילע אקטיווע יאהרען.

ברודער אייב ריצענבערג האט זיך פארדינט אז מען זאל שרייבען א באזונדער בלאט פאר איהם אין דער היסטאריע פון דעם לאדזש. ער איז נאך איינער פון די יונגע, וועלכער איז נאָך ניט געווען קיין אפיסער. עס איז דאָ א ווערטעל אין דער גמרא אז א חכם ווייסט אז ער ווייסט ניט און א נאַר ווייסט ניט אז ער ווייסט ניט. אונזער ברודער אייב ריצענ־בערג ווייסט גוט אז עס איז נאך צו פריה פאר איהם צו זיין א פרע־זידענט אין אזא גרויסען לאדזש. ער איז איינער פון די פיהרער פון לאדזש ניט זייענדיג קיין פּרעזי־דענט. ברודער ריצענבערג'ן גע־געפעלט זעהר שטארק די גרויסע הייליגע פּרינציפּען וואס דער לאדזש פארמאָגט, דערפאר גיט ער אוועק זיין גאנצע צייט פאר דעם לאדזש. דאס ערשטע, די אינשו־רענס, אן ארימאן קאן זיין אינשורט פאר אזוי ביליג פאר 1000 דאלאר. דאס צווייטע דער לאדזש ווארפט ניט ארויס קיין מעמבער ווען ער ווערט אלט און קראנק, דאס איז איינע פון די גרעסטע הייליגע פּרינ־ציפּען. מען העלפט אויך א ברודער אין נויט מיט רעליעף ווען ער דארף און דאס גיט דעם ברודער די מעג־ליכקייט צו ווערען זעלבסטשטענדיג ביי זיך ווי בעפאר, און מיר ווייסען אלע אז ברודער ריצענבערג איז איינער פון די וואס טראגען אריין גרוי־סע איינקאמען צום באַל ניט זייענדיג קיין שום אפיסער. איך ווינש ברו־דער ריצענבערג ער זאל דערלעבען צו פייערען דעם 50־יאהריגען יובי־לעאום פון דעם דיסטריקט אָף קאלאמביא לאדזש.

אב. ריצענבערג

ברודער ריצענבערג, אויב איהר ווילט לעבען גליקליך די וועלט
זאלט איהר וויסען אז א גוטער נאמען איז בעסער ווי געלט;
דעם אמת'ן גליק קאן דער מענש נאר געפינען
ווען ער האט דעם אָרימאן אויך אין זינען...

ווער האט דאס געקאנט גלויבען מיט 20 יאהר צוריק, ווען מיר האַבען זיך אָפּגעטיילט פון דעם אָרדען, אז אונזער קליינינקער לאדזש זאל זיך אזוי גרוים, אזוי שעהן פונאנדערוואקסען, און דאס האבען מיר צו פארדאנקען איינינע געצעהלטע מעמבערם, ווי איך האב פריהער געזאגט אז פון 100 מעמבערם וואס קומען אריין אין לאדזש בלייבט נאר א קליינע צאהל וואס ארבייט פאר דעם לאדזש מיט דער גאנצער איבערגעבענהייט און ניט כדי צו האבען דערפון אביסעל כבוד פאר זיך. זיי באלאנגען שוין יאהרען און יאהרען און זיינען נאך ניט געווען קיין אפיסערם, ניט קיין פרעזידענטען און ניט קיין וויים-פרעזידענטען. זייער גאנצער ציל איז צו ארבייטען פאר דעם וואהל און בעסטען פאר דעם לאדזש. זיי אטענדען אלע מיטינגען, זיי גיבען אוועק זייער צייט. זייער מיה פאר דעם לאדזש. אזעלכע מעמבערם זיינען די ברידער מאקס שאַק, העררי בעקער, סעם קרייזעל, סעם ריצענבערג, סעם גרעץ און מארים ראדמאן, דער וויים-פרעזידענט פון 1939. זייער ארבייט דארף ווערען אנערקענט און מיט זייער ארבייט דארף זיך דער לאדזש רעכענען. סעם פיין איז אויך איינער פון זיי.

דאנקבארקייט איז די שעהנסטע זאך אין דער וועלט.
אויב איהר ווילט די לאדזש זאל שטענדיג לעבען.
די פיהרער אליין טאָרען ניט זיין פארשטעלט,
איינער דעם צווייטען דארף מיט א שמייכעל פארגעבען.

די גרינדער פון דעם לאדזש האבען געזיגט,
זיי האבען געארבייט מיט דער גאנצער נשמה;
איצט אז די לאדזש איז אזוי באגליקט
זאלען די גרינדערם האבען אביסעלע נחמה.

אברהם טאַש

דער ערשטער פּרעזידענט פון דער דיסטריקט אָף קאָלאָמביא היברו בע־נעפיט אסס'ן אין 1918, און וויס־טשערמאַן פון דער יובילעאום קאמיטע.

מעמבערס פון דער עקזעקוטיוו באארד

הײמאַן קאהען
הערי פּארעצקי
מארים רובין
הײמאַן ראטנער
מארים אלעקס
הערי בעקער
סיימאַן בעקער
נייטען רעין
דזש. מאנטשעסטער
י. סטאלער

הערי לאנדאן
מארים מייזער
מארים אייסעם
י. נאוויאזער
מאקס אסטראוו
נייטען פּלאטניק
טשארלס ראפּאפּארט
מארים גארפינקעל
דזשיי. גאלדין
ל. ם. גאטליב

מאקס גאָרין
סעם ריצענבערג
י. קיהל
לואיס בארסקי
מארים ראדמאן
מארים פליישמאן
סעם קרייזעל
מארים דריבין
זלמן בליינק

נייטען פּלאטניק

טשערמאַן פון דער יובילעאום קאמיטע פון דעם
צוואנציג יאהריגען יובילעאום

מעמבערס פון דער יובילעאום קאמיטע

מארים דריבין
איזידאר לעוואין
יצחק נאוויאזער
מארים גארפינקעל
הערי בעקער
סעם ריצענבערג
מאקס גאָרין
ם. ראָם
סיימאַן בעקער
י. קיעל
מאקס אסטראוו

מארים רובין
הערי פּארעצקי
מארים אלעקס
הערי לאנדאן
פּערסקין
ל. ם. גאטליב
הערי זיגעל
נייטען רעין
סעמיועל קרייזעל
סעם בעקער
אייב ריצענבערג

דזשייקאב גאלדען
אוירווינג גאָרין
עראן סאלעם
ל. הערמאן
הײמאַן קאהען
אברהם טאַש
מארים פליישמאן
י. סטאלער
מארים ראדמאן
דזשיי. גאלדין
זלמן בליינק

מאקס גאָרין

וויים-טשערמאן פון דער יובילעאום קאמיטע פון צוואנציג-יאהריגען יובילעאום און אויך טשערמאן פון דער סעמעטערי קאמיטע פאר דעם יאהר 1938

מעמבערס פון דער סעמעטערי קאמיטע

היימאן קאהען
מארים דריבין
הערי פאָרעצקי
מארים רובין
אברהם טאַש
אייב ריצענבערג
מארים אלעקס
איזידאר לעוואַין
יקותיאל קערען

מאקס אָסטראָוו
סעם ריצענבערג
היימאן ראטנער
נייטען פלאטניק
מארים ראדמאן
מארים פליישמאן
הערי זיגעל
טשארלס ראפאפארט

ווער איז לייטישער?

דער וואס ווייסט און רעדט ניט
אדער דער וואס רעדט און ווייסט ניט?
דער וואס שרייט און טוט ניט,
אדער דער וואס טוט און שרייט ניט?
דער וואס ווייסט אז ער ווייסט ניט,
אדער דער וואס ווייסט ניט אז ער ווייסט ניט?
דער וואס וויל געבען און קאן ניט,
אדער דער וואס קאן געבען און וויל ניט?
דער וואס קאן זיין א פרעזידענט און וויל ניט,
אדער דער וואס וויל זיין א פרעזידענט און קאן ניט?

ווער איז לייטישער?

די פיער זיילען פון דעם לאדזש

אהרן סעלעם



טשארלס ראפאפארט

די צוויי טרעזשורערס וואס דורך זייערע הענט גייען דורך אלע געלדער פון לאדזש, היטען דאס אפ מיט זייער גאנצען הארצען.

דער ענדאָומענט טרעזשורער איז ברודער טשארלס ראפאפארט און דער דזשענעראל טרעזשורער איז ברודער אהרן סעלעם. ברודער ראפאפארט איז געווען טרעזשורער נאך אונטערן אָרדען—דאס מיינט גאנצע 32 יאהר—און ברודער אהרן סעלעם האט איבערגענומען זיין פאטער'ס אמט, וועלכער איז געווען טרעזשורער פאר פילע יאהרען.

די צוויי סעקרעטערע, וועלכע פיהרען אלע געשעפטען פון לאדזש, זיינען: פינאנס סעקרעטער, דער תלמיד חכם און משכיל, ר' יקותיאל קערען; און רעקארדינג סעקרעטער, ברודער היימאן פאזנער, פאר דעם יאהר 1940. דער לאדזש מעג זיין שטאלץ מיט אזעלכע צוויי סעקרעטערע. זיי ארבייטען פאר דעם לאדזש מיט גרויס איבערגעבענהייט און נעהמען אן אינטערעס אין אלע מיטינגען פון לאדזש.

די אפיסערס פאר דעם יאהר 1938

עקס-פרעזידענט — — — — — — — — — מארים רובין
פרעזידענט — — — — — — — — — — — היימאן קאהען
וויס-פרעזידענט — — — — — — — — — מאקס אַסטראוו
ענדאָומענט טרעזשורער — — — טשארלס ראפאפארט
דזשענעראל טרעזשורער — — — — — — — אהרן סעלעס
פינאנס סעקרעטער — — — — — — — — יקותיאל קערען
רעקאָרדינג סעקרעטער — — — — — — — — הערי זיגעל
דאקטאר — — — — — — — — — — ב. מאנטשעסטער
גאַרד — — — — — — — — — — — — — מארים אלעקס

עקזעקוטיוו באארד

אברהם טאַש	י. קיהל	י. סטאלער
מאקס גאַרין	מארים אלעקס	הערי לאנדאן
נייטען פלאטניק	סעם קרייזעל	מארים אייסעס
הערי פארעצקי	הערי בעקער	מארים מייזער
מארים ראדמאן	דזשיי. מאנטשעסטער	אייק קאצמאן
היימאן ראטנער	נייטען רעין	סעם ריצענבערג
לואיס בארסקי	דזשיי. טויבער	ל. סויבער
	סיימאן בעקער	

טראַסטיעס: — מאקס גאַרין, אייב ריצענבערג, לאַיער גאטליב.

דיסאביליטי קאמיטע פאר דעם יאהר 1938

טשערמאן — — — — — — — — — — — זלמן בליינק
סעקרעטער — — — — — — — — — — — ישראל נאוויאזער
טרעזשורער — — — — — — — — — — — — מארים רובין

פרי לאָאן קאמיטע פאר 1938

טשערמאן — — — — — — — — — — — מארים גארפינקעל
סעקרעטער-טרעזשורער — — — — — — — מארים פליישמאן

די סעמעטערי קאמיטע פאר 1938

טשערמאן — — — — — — — — — — — — — מאקס גאַרין
סעקרעטער-טרעזשורער — — — — — — — — — י. לעוואַין
פרעזידענט פון דער סעמעטערי — — — היימאן קאהען

היימאן ראטנער	משה אלעקס	מארים ראדמאן
הערי פארעצקי	אברהם טאַש	מארים דריבין
סעם ריצענבערג	נייטען פלאטניק	משה פליישמאן
מארים רובין	אייב ריצענבערג	

אפיסערס פון דער לײדיס אוקזילערי פאר דעם יאהר 1938

עקס-פרעזידענטין — — — — — — — — מרס. גאלדין
עקס-פרעזידענטין — — — — — — — — מרס. זיגעל
פרעזידענטין — — — — — — — — — — מרס. סאָבען
ווײס-פרעזידענטין — — — — — — — — מרס. אָסטראוו
צווייטע ווײס-פרעזידענטין — — — — — — מרס. ראדמאן
סעקרעטער — — — — — — — — — — מרס. מאלי בערמאן
טרעזשורער — — — — — — — — — — מרס. ראטנער

טראַסטיעס פאר דעם יאהר 1938

מרס. דריבען, מרס. גאלדין, מרס. פליישמאן, מרס. גאטליב

עקזעקוטיוו באארד פאר דעם יאהר 1938

מרס. זיגעל	מרס. רובין	מרס. לאנדאן
מרס. דריבין	מרס. בעקער	מרס. קאַץ
מרס. פליישמאן	מרס. בעלמאן	מרס. בעם
מרס. גאלדין	מרס. פאוויס	מרס. גארין
מרס. לײזער	מרס. קאצמאן	

אפיסערס פון די דיסטריקט אָף קאָלאָמביא היברו בענעפיט אסאסיאײשאן פאר דעם יאהר 1940

עקס-פרעזידענט — — — — — — — — מאקס אָסטראוו
פרעזידענט — — — — — — — — — — מארים ראדמאן
ווײס-פרעזידענט — — — — — — — — בערנארד פעסקין
רעקארדינג סעקרעטער — — — — — — — היימאן פאזנער
פינאנס סעקרעטער — — — — — — — יקותיאל קערען
דזשענעראל טרעזשורער — — — — — — — עראן סעלעס
ענדאומענט טרעזשורער — — — — — — טשארלס ראפאפארט
דאקטאר — — — — — — — — — — — — — הערי אָרליאנס
אינסייד גאַרד — — — — — — — — — — מארים אלעקס
טשערמאן פון דיסאַביליטי — — — — — זלמן צבי בליינק
סעקרעטער פון דיסאביליטי — — — — — יצחק נאוויאזער
טרעזשורער פון דיסאביליטי — — — — — — אברהם טאַש
טשערמאן פון גמילות חסד — — — — — — משה גארפינקעל
סעקרעטער פון גמילות חסד — — — — — משה פליישמאן
טרעזשורער פון גמילות חסד — — — — — היימאן קאהען
טשערמאן פון רעליעף קאמיטע — — — — — מארים רובין

טראָסטיעס:—אייב ריצענבערג, הערי פּארעצקי, מאָרים רובין.

עקזעקוטיוו באָארד

מאַקס אָסטראָוו	דזשייקאָב גאָלדען
וויליאַם טאָש	מאַקס גאָרין
איזידאָר לעוואַין	איזידאָר ענגעל
לאַיער גאָטליב	סעם ריצענבערג
סעם פּיין	דזשאָזעף סילווערסטאָן
אברהם טאָש	אייב סטאָלער
היימאַן ראָטנער	מאַקס סיגעל
מאָרים אַלעקס	סעמיועל פיינסטיין
פיליפּ טאַקער	משה פליישמאַן

אָפיסערס פון דער ליידיס אָקזילערי פון די דיסטריקט אָף קאָלאָמביא לאָדזש פאַר דעם יאָהר 1940

עקס-פּרעזידענטין — — — — — — — — — מרס. אָסטראָוו
פּרעזידענטין — — — — — — — — — מרס. ראָזע ראָדמאַן
וויים-פּרעזידענטין — — — — — — — — מרס. עטעל פּאָווים
צווייטע וויים-פּרעזידענטין — — — מרס. העלען קאַהען
רעקאָרדינג און פינאַנס סעקרעטער — מרס. מאָלי בערמאַן
טרעזשורער — — — — — — — — — — מרס. ראָטנער

טראָסטיעס: — מרס. זיגעל, מרס. גאָסי גאָרין, מרס. פליישמאַן, מרס. סאַנדלער, מרס. סאָבעל.

עקזעקוטיוו באָארד

מרס. רובין	מרס. טאַקער	מרס. בעלמאַן
מרס. סאַנדלער	מרס. זיגעל	מרס. ראָדמאַן
מרס. קאַץ	מרס. סאַביל	מרס. פּאָווים
מרס. אָסטראָוו	מרס. פּאָלין	מרס. קאַהען
מרס. לאַנדאָן	מרס. קאַצמאַן	מרס. ראָטנער
מרס. פליישמאַן	מרס. האָלצמאַן	מרס. בערמאַן
מרס. לייזער	מרס. זשאָולער	
מרס. גאָרין	מרס. בעם	

מעמבערס פון דיסטריקט אָוו קאָלאָמביא היברו בענעפישעל אסאסיאיישאן

מארים אלעקס
בעני אייקער
הערי אייבעלמאן
מרס. אגולע
דזשא אייבראמסאן
מרס. ראזע ארקין
סעם אפעלבוים
פיליפ אטקינס
סעמיועל ארקין
דייוויד ארקין
בען אייגער
סיימאן ארען
איזידאר אלפער
בענדזשאמין אייבראמסאן
מארים אייבראמסאן
סעם באומאן
לואיס בארסקי
מאקס באָגען
סעמיועל בערמאן
אברהם באראץ
נייטען באנדעראף
ראבערט בענד
זלמן בליינק
הערי בערמאן
דייוויד באָרדין
בארני בערגער
הענרי בערז
יקותיאל בערמאן
הענרי באַר
בעריל באום
דזשייקאב בעם
מארים בענעט
דזשיי. בעקער
מאקס בערמאן
ישראל בערס
דזשוליום בערמאן

סאלאמאן בולמאן
מארים בייטמאן
מארים בערגער
דזשאזעף בערס
הערי בערגער
איזידאר בריק
דזש. בערגער
לואיס בראון
מארים באכראך
הערי באכראך
דזשאזעף ברילאָף
בענדזשאמין באַר
מאקס בערלינסקי
הערי בעקער
טשארלעס בעלמאן
הערי בעקער
מרס. ד. בארענשטיין
ס. פ. בעדערמאן
סיימאן בעלאף
מארים בראזען
דזש. בלייוויים
אברהם בריל
מאזעס בעקער
ברוך בריל
אהרן ברעסלער
סעמיועל בריל
לואיס בלומבערג
משה באומעל
סעם בעקער
מרס. סילע בערלינסקי
בענדזשאמין באום
סעמיועל גארדאן
דזשייקאב בלום
לואיס באָרדעניק
מארים באָרדעניק
דר. אייב בלייוויים

סיימאן בערמאן
הענרי בערמאן
דייוויד בראון
בענדזשאמין באום
ס. ל. בערמאן
ס. קאהען
היימאן קאהען
רעוו. מארים קאהען
סאלאמאן קאהען
מרס. סילע קאהען
פיליפ קאהען
דזשייקאב קאהען
דר. עדווארד קייפיץ
ס. ה. כידעקעל
דזשאזעף קאנטער
דניאל קלאפ
סעם קופערמאן
אהרן קאהען
סעם קאהען
אייב קאהען
היימאן דאָדיק
סעמיועל דוואָרקין
דייוויד דענאַי
הערי דוגאף
מרס. שרה דיק
הערי דאַימס
הערי דייווים
מארים ל. דריבין
בארני דאנזאנסקי
מארים דאבשוליץ
מרס. א. דאדיק
אלעקס דעזאף
מאַיער דעזאף
הערי דראגונסקי
לואיס ד. נעוויץ
פריינק דענעבורג

מאקס דאָרש
דר. סעמיועל דינער
נייטען עדעלסאן
מרס. לינע עליסאן
ט. מ. ענגעל
הערי ערליך
דזשארדזש עטעלמאן
בענדזשאמין ענעט
דזשאזעף אייזענבערג
סעמיועל פריינקיל
הערי פישביין
אברהם פאקס
פ. פריינקיל
אברהם פישביין
מארים פליישמאן
ישראל פריד
סעמיועל פרידמאן
סעמיועל פארבער
מארים פרידלאנדער
מרס. בערטא פעלדמאן
מארים פרידענבערג
סעמיועל פלאקס
מאקס פעלדמאן
נייטען פריהאָף
בענדזש. פוטעראווסקי
סאלאמאן פרידמאן
אוירווינג פאַנאַראָוו
הענרי פוטעראווסקי
באב פוקס
פיליפ פריינקס
דייווים פריינקס
מאיר פרישטאט
מארים פישביין
לואיס גאלדבערג
משה גארפינקעל
הרב צמח גרין
לואיס גלאזמאן
היימאן גאלדמאן
הערמאן גודמאן

בנימין גארפינקעל
חיים גאָלד
ט. גרינבערג
הערי גאלדסמיט
דזשייקאב גאלדין
סעמיועל גריץ
פיליפ גארפינקעל
היימאן גארפינקעל
מ. גאלדשטיין
סיימאן גאלדבערג
הערי גאלדבערג
ל. ס. גאטליב
לואיס גאָרין
דזשוליוס גודיע
סיימאן גאלדבערג
איזידאר גארטענהויז
מאקס גאָרין
נארמאן גאדיע
אייב גרינבאום
סעמיועל גרינבערג
אייב גאלדסמיט
בען גאלער
קארל גלאדסטאן
הענרי גריץ
ב. ה. גאלדמאן
מארים גאלדשטיין
מארים האלאנדער
ראבערט הייסען
מרס. פעטער העריסאן
אייב האפמאן
דזשייקאב העלבוינג
מרס. ד. הורוויץ
מיכאל הערטץ
בערל היט
מארים האמבורגער
זלמן הענקין
סעם האלפערין
הערי העפט
נייטען הערזאן

דזשאזעף האלצמאן
אברהם העפט
סעם הינקעל
היימאן הייט
אוירווין האניגמאן
מארים אייסעם
סעמיועל איזראעלסאן
אייב דזשאהאן
לואיס דזשייקאבסאן
מרס. דזשאפע
איזידאר דזשייקאבסאן
לואיס דזשוליער
מאקס דזשוליער
מ. קירשענבאום
דזשייקאב קאטזאן
דייוויד קאץ
מילטאן קאץ
נ. קאץ
מ. קאצמאן
מארים קאץ
איזידאר קיהל
איזידאר קעסלער
ע. קירשטיין
דזשיי. קיסעלאף
היימאן קלעוואנס
ס. קאמינסקי
מאקס קאפלאן
סעמיועל קרייזעל
לואיס קליוויצקי
ס. קרוקאָוו
מרס. דזשיי. קראקאוו
ס. קאופמאן
יקותיאל קערען
ה. קריימער
היימאן קורץ
דזשיי. קורץ
מרס. דזשיי. קירועס
מארים קאופמאן
דזשייקאב קעסלער

לואיס קנאַיפ
ט. קאָבלין
דזשייק קליין
סיימאן קליין
דזשייקאב קילבאעף
מייער קליין
מארים קאץ
אייק קאצמאן
הערי קורלאנד
עליע קאמערמאן
היימאן קאץ
דזשאזעף קאזין
בענדזשאמין ליטמאן
איזידאר לעווין
י. ט. ליוואַי
נייטען לאנדסמאן
מאקס ליוואַי
מרס. טשארלס לואיס
דזשייקאב לעווין
נייטען לאזער
פיליפ לעווין
היימאן לאנדאן
איזידאר מ. ליוואַין
ב. לואיס
מאקס לעווין
מ. ב. לואיס
סעמיועל ליבאַיס
דר. איזידאר לעווין
י. לוסטיג
וואלף לאנדסמאן
הערי לעמער
דזשאו לאַיעווסקי
טעדי ליוואַי
סעמיועל לעווין
היימאן לאַזער
דוד לערנער
מארים ליוואַי
בעני לעווין
בעני לאנדסמאן

מייער ליוואַי
סעמיועל לאַיעפסקי
לואיס ליוואַי
סאלאמאן לעווין
שמואל לעווענטאל
הרב דזש. ט. לאָב
הערי לעווינסאן
מרס. לינע לעווין
סעם וועבערסקי
בענדזשאמין ליעדער
מייער לערנער
מארים לובין
קארל לוריע
ישראל ליבערמאן
בערנארד לעמענאסאף
הערי לוריע
מאנעס לעוויץ
מ. מארקס
הערי מארין
הערי מילאף
בענדזשאמין מארים
מארים מאלקין
אברהם מארקעוויטש
הערי מאַיערס
ה. מארגענשטיין
טשארלס מארקס
מאקס מייקעלסאן
י. מאַי
מארים מילער
סעם מעדאו
דזשיי. מאנטשעסטער
מארים מייזאר
אהרן מאַיגער
אלעקס מינדעל
פיליפ מינקאווסקי
אהרן מייזעלס
אברהם מאָסטאָוו
דזשייקאב מילער
דזשיי. מוסטעצקי

הענרי מארקוס
נייטען מארזועל
וויליאם מאגאזין
ראָבערט מאָיער
ארנאלד מייערס
סעם מאגאזין
ראבי סאלאמאן מעטץ
דר. ב. מאנטשעסטער
פיליפ מעניעק
ט. מ. נאוויאזער
דזשייקאב נאָן
דזשיי. ניומאן
הערי נעלסאן
רעוו. לואיס נאָוויק
ס. אשינסקי
דייוויד אָרליען
סעם אָרלאָוו
וויליאם אשינסקי
מארים אלענבערג
דייוויד אָסבאָיד
ב. אסקאר
מאקסוועל אָסטראָוו
הערמאן פאלאנסקי
מרס. ס. פאָנאָראָוו
הערי פארעצקי
לעאָ פאסטערנאק
מרס. יעטע פאווים
רודאָלף פאָמס
דזשאזעף פיטעלמאן
וויליאם פאָמעראנץ
בענדזשאמין פערשיק
ישראל פאמעראנץ
מרס. שרה פיליפס
דזשוליוס פעק
נייטען פלאטניק
מארים פאָלין
סעמיועל פאָלינזשער
מארים פלאטשאן
הערי פריים

פיליפּ פּאַליי
פריינק פּאַליי
אלעקס פּאָדנאַס
דזשיי. ראַדיס
היימאַן ראַטנער
הערמאַן ראָזענבאַום
סעמיועל ראָזענבלום
סעם ראָזענבלום
מרס. ל. ראַסקין
טשאַרלס ראַפּאַפּאָרט
דזשאָו ראַזינסקי
ב. ראָזענבלום
נייטען רובינשטיין
מרס. א. נ. ראַבערטס
מאָזעס ראַטנער
אַבראַהם ראַבאַי
סיימאַן ראַקוזין
הערי רובין
רעוו. משה ראַבינאָוויץ
מאָריס ראָזענפעלד
אַרטור ראָזען
דזשיי. רודאָלף
דר. איזידאָר ראָד
סעמיועל רואָף
דזשיי. ראָזענבאַום
נייטען רעין
ס. ראָזענגאַרדען
אַבראַהם רעזניק
מאָריס רובין
נייטען רובין
נייטען רינג
דזשיי. רובין
הערי רובין
סעמיועל רובין
אַבראַהם ריצענבערג
מייער ריווקין
דזשאָו רימערמאַן
סעם ריצענבערג
מאָריס ראָדמאַן

וויליאַם ראַבינאָוויטש
סידני רעזניק
דזשאָזעף ראַטנער
סעם רובין
סעם ראַסיען
איסר שערמאַן
ס. שערמאַן
מאָריס ספּיוואַק
אַהרן שעין
מרס. מאַלי סיגעל
הערי סמאַלוואָוד
דזשייקאָב סיימאַן
ס. סניידער
מאָריס שענק
מ. שולמאַן
מרס. שרה שערלינג
הערי שאַפּירא
הערים שאַפּירא
אייזיק שאַפּירא
עלים סטאָלער
טשאַרלס סטיין
פריינק סאַנדלער
הערי סיגעל
מאַקס סיגעל
ס. סאַלאַמאַן
מאַקס סמאָליאָוו
פּאָול שלאָסבערג
דזשאָזעף שענקמאַן
דזשעני סטיינבערג
דזשיי. סיגעל
עקיבא שוואַרץ
דזשיי. סניידער
אַבראַהם שלאָסבערג
דייוויד שמיד
סעמיועל סטיין
הערמאַן שיף
לואיס סאָקאָלאָוו
סעם סילווערמאַן
דזשאָרדזש סקליאַר

רובין סלאָן
לואיס סאָבעל
אייב סעלטצער
ט. סקאָלניק
וויליאַם זיסגאָלד
נייטען סטאָטניק
הערי סטאָן
הערי שאָלין
דניאל שוואַרץ
נייטען סילווערמאַן
אירווינג סעלים
הערי שוואַרץ
סעמיועל סימקאָוויטש
אביגדר שערעשעווסקי
סעמיועל סאַידעל
פיליפּ סניידער
מרס. א. סאָיבער
א. ספּיוואַק
דזשאָזעף סילווערסטאָן
עלישע שטערמאַן
שלום סינגער
מאַקס סיידעל
קאָפּעל סינגער
עראָן סעלים
דזשיי. ר. סעלים
מאַקס שאָך
ס. א. שניידער
דזשאָזעף ספּיוואַק
סאַלאַמאַן ספּיוואַק
סעם ספּיוואַק
ט. שניידער
מאָריס שורמאַן
פריינק שאַפּירא
עדוואַרד סאַקס
קלמן שער
ט. סילווערמאַן
לואיס סינגער
מאָריס סאַנדלער
ה. סאַקס

מ. סיימאן
דייוויד שלאַקמאַן
דייוויד סטיין
פאול סאַנקער
דזשאָזעף טעפער
דוד טאַלסטאַי
אברהם טאַש
פישעל טרויב
מרס. רעבעקא טאַש
איזידאָר טוראָווער
מיכאל טיילאָר
וואלף טאַש
אברהם טעמפּשער
א. ב. טרופ
רובין טאַלטשינסקי
דוד טאַקסין
מרס. טאַלטשינסקי
ט. טוראָף
סעמיועל טעפּליין
יחיאל טאובער
פיליפ טאקער
טשאַרלס טימאַן
א. יודעלעוויטש
מייער אוליצקי
דזשעק וואגעל
היימאַן פאַזנער

ראַביי אהרן וואלקמאַן
מרס. יעטע וואלף
סעם וואַסערמאַן
מאַרים ווײַנער
מרס. וואַסערמאַן
מאַקס ווייקאָף
מרס. וויליאַמס
ס. וואלקער
שמואל וואַרשאַוו
דזשוליוס וויינמאַן
מאַרים וואָל
ל. וויינשטיין
ל. ווידאַם
סעם וואַסערמאַן
ירחמיאל וולאַדאַווסקי
חיים וויגער
הערי וועלש
פיליפּ וואָגשאָל
מאַרקוס וויטץ
מאַקס יומקעס
דזשיי. יאַפּע
מאַרים יאַסנע
א. כאַנאָוויטש
טשאַס. יאַראַסלאַווסקי
פאול יאַנג
מאַרים פריינק

ט. זימערמאַן
דזש. זאַנאַף
סאול זימערמאַן
לואיס זעבראַך
אייב זינעמאַן
דזשאָזעף זימערמאַן
נייטען זיסלין
סעמיועל זאַנאַף
דזשיי. זאַטיען
מרס. סערע זייטלין
מרס. מאַקס זייטלין
בענדזשאַמין זאַטץ
סעמיועל זאַריצקי
נייטען זאַרין
אַרטור זינעמאַן
דזשייקאָב זאַרין
הערי זיגעלס
דייוויד זאַסלאַוו
סעמיועל טשערניקאַוו
בענדזש. טשערקאָף
איזידאָר טשערניקאָף
בענדזשאַמין טשייסען
ישעיה טשייסען
סעם פיין

פארשטארבענע ברידער און שוועסטער

פון דעם יאהר 1919 ביז דעם יאהר 1940

דער ערשטער בר־מנן וואס מען האט מקבר געווען אויף דער סעמעטערי איז געווען ר׳ דוד זארין הכהן. ער איז געשטארבן אין יאהר 1913.

דזשייקאב ארעסמאן	געשטארבן 27טען דזשון, 1919
מארים קראקאָווער	געשטארבן 20טען אפריל, 1920
מערי סינגער	געשטארבן 15טען מארטש, 1920
דזשייקאב גלאזער	געשטארבן 8טען דזשון, 1920
בענדזשאמין דינקען	געשטארבן 4טען יאנואר, 1921
רעבעקא דזשאפע	געשטארבן 28טען אפריל, 1921
בעסי זיסעלמאן	געשטארבן 2טען דזשון, 1921
לואיס פאָנאַראָוו	געשטארבן 28טען נאוו., 1921
היימאן טאמפסאן	געשטארבן 13טען אויגוסט, 1922
אסתר זארין	געשטארבן 20טען סעפט., 1922
רוטה לאנדסמאן	געשטארבן 15טען אקטאב., 1922
עני ניומאן	געשטארבן 30טען נאוועמב., 1922
סאפיע העסקין	געשטארבן 27טען יאנואר, 1923
עני הואט	געשטארבן 3טען דזשון, 1923
אברהם דאמראווסקי	געשטארבן 25טען אויגוסט, 1923
ראזע מעדעוואַי	געשטארבן 13טען סעפט., 1923
אברהם ראבערט	געשטארבן 11טען דעצעמב., 1923
איידע טיילאר	געשטארבן 4טען אפריל, 1924
מאקס ארענשטיין	געשטארבן 16טען אפריל, 1924
דזשייקאב גאלדשטיין	געשטארבן 3טען דעצעמב., 1924
דזשאזעף שוהמאן	געשטארבן 2טען יאנואר, 1925
ראזע שולמאן	געשטארבן 4טען מאַי, 1925
מאקס פיליפס	געשטארבן 25טען מארטש, 1925
בארנעט ליוואַי	געשטארבן 23טען סעפט., 1925
פריידע רובין	געשטארבן 6טען אקטאב., 1925
רבקה יודעלעוויטש	געשטארבן 24טען דזשון, 1926
לואיס גליקענהויז	געשטארבן 3טען דזשולי, 1926
אייזיק ליוואַי	געשטארבן 27טען דזשולי, 1926
פיליפ בארינטער	געשטארבן 3טען סעפט., 1926
מאלי קרעפס	געשטארבן 5טען דעצעמב., 1926
מאקס זאמעקאף	געשטארבן 5טען יאנואר, 1927

טשאַרלס לואיס — — — — — — — — — — געשטאָרבען 1טען אַפּריל, 1927
דוד שערלינג — — — — — — — — — — געשטאָרבען 8טען מאַרטש, 1927
דזשאָזעף בעליאַווסקי — — — — — — — געשטאָרבען 7טען מאַי, 1927
מאַרים קרעפּס — — — — — — — — — געשטאָרבען 15טען מאַי, 1927
פּערל דעזאָף — — — — — — — — — — געשטאָרבען 25טען דזשון, 1927
אהרן שולמאַן — — — — — — — — — געשטאָרבען 11טען דזשולײַ, 1927
הערי לוצקי — — — — — — — — — — געשטאָרבען 16טען אויגוסט, 1927
הערי דיק — — — — — — — — — — — געשטאָרבען 4טען סעפּט., 1927
דזשאָזעף באַבעס — — — — — — — — געשטאָרבען 29טען דעצעמב., 1927
באַרנעט האָפּענבערג — — — — — — — געשטאָרבען 2טען יאַנואַר, 1928
רחל ספּיוואַק — — — — — — — — — געשטאָרבען 16טען מאַרטש, 1928
סערע גאַרפינקעל — — — — — — — — געשטאָרבען 27טען מאַרטש, 1928
פּעני גאָלדבערג — — — — — — — — — געשטאָרבען 7טען אַפּריל, 1928
דזשייקאָב ליוואַי — — — — — — — — געשטאָרבען 8טען מאַי, 1928
סערע מינקאָווסקי — — — — — — — — געשטאָרבען 11טען מאַי, 1928
ביילע ווייטץ — — — — — — — — — געשטאָרבען 3טען דזשון, 1928
הערי העסקין — — — — — — — — — געשטאָרבען 21טען סעפּט., 1928
לואיס בראָדקאָווסקי — — — — — — — געשטאָרבען 18טען נעוועמב., 1928
לילי שולץ — — — — — — — — — — געשטאָרבען 11טען דעצעמב., 1928
יצחק דיק — — — — — — — — — — געשטאָרבען 21טען פעברואַר, 1929
דר. העלפּגאָט — — — — — — — — — — געשטאָרבען 30טען פעברואַר, 1929
פּאָולין בעלמאָנט — — — — — — — — געשטאָרבען 27טען מאַי, 1929
מאַרים הײַסען — — — — — — — — — געשטאָרבען 2טען דזשון, 1929
נחמן קרופּצאָוו — — — — — — — — — געשטאָרבען 29טען דזשון, 1929
אסתר מלכה רודקאָווסקי — — — — — — געשטאָרבען 22טען דזשולײַ, 1929
פּעסיל רודאָלף — — — — — — — — — געשטאָרבען 6טען אויגוסט, 1929
אייזיק פעלדמאַן — — — — — — — — געשטאָרבען 16טען אויגוסט, 1929
פייגע רובין — — — — — — — — — — געשטאָרבען 6טען אָקטאָב., 1929
דוד ווייצמאַן — — — — — — — — — — געשטאָרבען 12טען נאָוועמב., 1929
וואַיאָלע אלעקס — — — — — — — — — געשטאָרבען 8טען פעברואַר, 1930
יעטע גענדעלמאַן — — — — — — — — — געשטאָרבען 10טען מאַרטש, 1930
סערע מייקעלסאָן — — — — — — — — געשטאָרבען 20טען אַפּריל, 1930
מרס. לאָב — — — — — — — — — — — געשטאָרבען 1טען דזשון, 1930
מר. בעלמאָר — — — — — — — — — — געשטאָרבען 20טען דזשון, 1930
ראָזע דיק — — — — — — — — — — — געשטאָרבען 8טען דזשולײַ, 1930
אהרן דאַדיג — — — — — — — — — — געשטאָרבען 21טען דזשולײַ, 1930
פייגע קאַנטאָר — — — — — — — — — געשטאָרבען 4טען אויגוסט, 1930
עני אַפּעלשטיין — — — — — — — — — געשטאָרבען 22טען אויגוסט, 1930
אהרן ווײַנבערג — — — — — — — — — געשטאָרבען 19טען סעפּט., 1930

אליהו טאַש	געשטארבען 25טען דעצעמב., 1930
לואיס קאהען	געשטארבען 25טען מארטש, 1931
שרה באבעס	געשטארבען 30טען דזשון, 1931
מלכה גאָרין	געשטארבען 22טען נאוועמב., 1931
זלמן בערלין	געשטארבען 24טען נאוועמב., 1931
אסתר טאָלסטאָי	געשטארבען 29טען פעברואר, 1932
ענ̇י ליוואַי	געשטארבען אין 1932
שרה האפענבערג	געשטארבען אין 1932
אריה לייב וויליאמס	געשטארבען 1טען אקטאב., 1932
אברהם יעקב סויבער	געשטארבען 9טען אויגוסט, 1932
יצחק העריסאן	געשטארבען 5טען סעפט., 1932
דארע לואיס	געשטארבען 8טען דזשוליי, 1932
אברהם לעווין	געשטארבען 17טען אקט., 1932
יעקב קירעש	געשטארבען 6טען נאוועמב., 1932
מרס. ליוואַי	געשטארבען 5טען פעברואר, 1933
שרה הינקעט	געשטארבען 7טען מארטש, 1933
מאקס נידעל	געשטארבען 10טען מארטש, 1933
משה שווארץ	געשטארבען 1טען סעפט., 1933
מרס. שווארץ	געשטארבען 19טען סעפט., 1933
ענ̇י יאקעלסאן	געשטארבען 19טען סעפט., 1933
משה ארענשטיין	געשטארבען 22טען אקט., 1933
מלך צייטלין	געשטארבען 8טען דעצעמב., 1933
פנחס גאלדשטיין	געשטארבען 10טען יאנואר, 1934
חנה גאלדבערג	געשטארבען 19טען אפריל, 1934
שמואל שאפירא	געשטארבען 10טען מאַי, 1934
נינע מעי	געשטארבען 21טען דזשון, 1934
יהושע הורוויץ	געשטארבען 16טען אויגוסט, 1934
חיים משה וואסערמאן	געשטארבען 25טען אויגוסט, 1934
טאמארע ראבינסאן	געשטארבען 8טען דעצעמב., 1934
עדווארד עליסאן	געשטארבען 22טען יאנואר, 1935
לינע וויינבערג	געשטארבען 17טען פעברואר, 1935
הענרי בריקער	געשטארבען 29טען מאַי, 1935
אהרן יאקעלסאן	געשטארבען 23טען דזשוליי, 1935
לואיס ראסקין	געשטארבען 25טען דזשוליי, 1935
אהרן שענבאום	געשטארבען 20טען אויגוסט, 1935
אייזיק אפעלשטיין	געשטארבען 21טען אקט., 1935
רבקה גאלדשטיין	געשטארבען 24טען נאוועמב., 1935
פייגע קאץ	געשטארבען 29טען יאנואר, 1936
אברהם ליוואַי	געשטארבען 1טען מארטש, 1936

דזשאזעף בארענשטיין	געשטארבען 5טען דזשון, 1936
עטעל באנדעראף	געשטארבען 10טען דזשולײ, 1936
יעקב טאלטשינסקי	געשטארבען 13טען דזשולײ, 1936
וויליאם קאפלאן	געשטארבען 13טען סעפט., 1936
מאלי פעק	געשטארבען 11טען אקט., 1936
דבורה זאמאנסקי	געשטארבען 30טען נעװעמב., 1936
לוי יצחק ליפאװ	געשטארבען 2טען יאנואר, 1937
יוסף דזשאפע	געשטארבען 10טען יאנואר, 1937
אברהם פאװיס	געשטארבען 16טען פעברואר, 1937
סעמיועל ראזענבאום	געשטארבען 19טען פעברואר, 1937
יענטע טאש	געשטארבען 18טען אפריל, 1937
ישראל מאליניק	געשטארבען 9טען אפריל, 1937
הערי בוש	געשטארבען 14טען אויגוסט, 1937
סעם מאַסטאָװ	געשטארבען 28טען אויגוסט, 1937
משה אייבראמסאן	געשטארבען 2טען סעפט., 1937
שאשע רעזשינסקי	געשטארבען 4טען סעפט., 1937
משה ספיװאק	געשטארבען 19טען פעברואר, 1938
סערע בארענשטיין	געשטארבען 15טען אפריל, 1938
פריינק דענעבורג	געשטארבען 16טען מאַי, 1938
יעקב ראובן זבולון סעלעס	געשטארבען 2טען דזשון, 1938
שיינע ריצענבערג	געשטארבען 8טען דזשון, 1938
מאקס לעװין	געשטארבען 6טען דזשולײ, 1938
לינע העריסאן	געשטארבען 10טען דזשולײ, 1938
בארנעט הואט	געשטארבען 22טען אויגוסט, 1938
ראזע מארקס	געשטארבען 13טען אקט., 1938
שװעסטער טשערניאװסקי	געשטארבען 26טען אקט., 1938
איזידאר קאָבלין	געשטארבען 1טען נאװעמב., 1938
משה פרידענבערג	געשטארבען 3טען דעצעמב., 1938
מינע שטירמאן	געשטארבען 17טען דעצעמב., 1938
דזשייקאב סיימאן	געשטארבען 28טען דעצעמב., 1938
דזשאזעף קאץ	געשטארבען 6טען יאנואר, 1939
הערי שװייץ	געשטארבען 7טען פעברואר, 1939
ר' דוב ב"ר מנחם מענדיל קאץ	געשטארבען 12טען מארטש, 1939
ר' צבי ב"ר יוסף בערמאן	געשטארבען 24טען אפריל, 1939
דזשזעף ראדעש	געשטארבען 4טען דזשון, 1939
זעלדע קאהען	געשטארבען 8טען דזשון, 1939
הענעך דאַיעמס	געשטארבען 8טען דזשון, 1939
הבחור יצחק טאַש	געשטארבען אין דזשולײ, 1939
דזשייקאב קיסעלעװ	געשטארבען 22טען סעפט., 1939

דזשאזעף שענקמאן — — — — — — — — געשטארבען 14טען דזשוליי, 1939
סאפיע גאלדשטיין — — — — — — — געשטארבען 15טען דזשוליי, 1939
סעם בעקער — — — — — — — — — — געשטארבען 7טען דעצעמב., 1939
אברהם שעהן — — — — — — — — — געשטארבען 26טען נאוועמב., 1939
בתיה גאלדין — — — — — — — — — געשטארבען 31טען דעצעמב., 1940
גרשון ב"ר יוסף זאַנאָוו — — — — — — געשטארבען 25טען יאנואר, 1940
פיליפּ גארפינקעל — — — — — — — געשטארבען 5טען פעברואר, 1940
יוסף רודאָלף — — — — — — — — — געשטארבען 9טען פעברואר, 1940
שאול ראזענבאום — — — — — — — געשטארבען 15טען פעברואר, 1940
רעי כין — — — — — — — — — — — געשטארבען 24טען פעברואר, 1940
בן ציון פריינקיל — — — — — — — געשטארבען 30טען אפריל, 1940
אשר פאלאנסקי — — — — — — — — געשטארבען 30טען אפריל, 1940
משה שיינקען — — — — — — — — — געשטארבען 4טען מאַי, 1940

בעאמטע פון דער חברה קדישא

פאר דעם יאהר 1940

גבאי ראשון — — — — — — — — — — — — משה אלעקס
גבאי שני — — — — — — — — — — — — — משה פליישמאן
גבאי שלישי — — — — — — — — — — — — איסר שערמאן
במקום גבאי ראשון — — — — — — — — — מאקס גאָרין
במקום גבאי שני — — — — — — — — — — צבי הירש עהרליך
במקום גבאי שלישי — — — — — — — — — סעם גריץ
סעקרעטער — — — — — — — — — — — — רעוו. משה בעקער
טרעזשורער — — — — — — — — — — — — סעם קרייזעל
טשערמאן פון סעמעטערי — — — — — — — היימאן קאהען

דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש

איינער פון די שעהנסטע און פראמינענטסטע אידישע ארגאניזאצ־יעס איז די דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש פון דער אינד. אָרדען ברית שלום פון באלטימאר. דער וואשינגטאנער ברענטש איז געגרינדעט גע־ווארען אין 1914 פון דעם פיל באוואוסטען כלל טוער מר. בערנארד דאנ־זאנסקי, וועלכער איז נאך דאן געווען א נייער תושב אין וואשינגטאן. מר. דאנזאנסקי איז געווען פארבונדען מיט דעם אָרדען פאר פילע יאהרען נאך איידער ער האט זיך באזעצט אין וואשינגטאן. טראץ דעם וואס ער איז געווען פארנומען מיט זיין טעטיגקייט אויף דעם געביט פון פילאנ־טראָפּישע ארבייט אין דער גרינדונג פון דעם מושב זקנים, וואס איז בא־שריבען אין אן אנדער פלאץ אין דעם בוך, און נאך אנדערע וואלטעטיגע ארבייט, האט דאס זיין איבערגעבענהייט צום ברית שלום ניט פארמינ־דערט. דער אָרדען איז דאן נאך גאנץ ווייניג באוואוסט געווען אויסער באלטימאר, און עס איז געווען ניט קיין גרינגע אונטערנעמונג צו גרינדען א ברענטש פון אן אומבאקאנטען אָרדען. אבער א דאנק די איבערגעבענ־הייט און פעהיגקייט פון מר. דאנזאנסקי איז איהם געלונגען צו גרינדען דעם דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש, דער ערשטער לאדזש פון דעם אָר־דען אויסער באלטימאר.

דער דזשארדזש וואשינגטאן לאדזש איז צונויפגעשטעלט פון פּראָמי־נענטע פּראָפעסיאנאלען און ביזנעס לייט וואס נעהמען אן אנטייל אין אלע אידישע אנגעלעגענהייטען. דער לאדזש פארמאָגט אן אייגענעם גמילות חסד, ער גיט פרייע מעדיצינישע באהאנדלונג צו זיינע מיטגלידער.

מר. מילטאן לייענסאן האט פיל מיטגעהאלפען אין דער גרינדונג פון דעם לאדזש און איז נאך איצט איינער פון די איבערגעבענע פיהרער. איך בין פערזענליך באקאנט מיט פילע מעמבערס פון דעם לאדזש, ווי מר. וויליאם טאָש און נאך איניגע, און איך קאן זאגען אז זיי זיינען א שטאלץ פאר דעם לאדזש בפרט און פאר וואשינגטאנער אידען בכלל.

אין דער צייט וואס איך דרוק מיין בוך מיט דעם פנקס פון וואשינג־טאנער אידישען לעבען איז אָנגעקומען די פרעהליכע נייעס אז דער קאָנ־ווענשאן פון ברית שלום וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין אטלאנטיק סיטי דעם ערשטען דזשולי 1940, האט באעהרט מר. בערנארד דאנזאנס־קי פאר זיין גוטער ארבייט און איהם איינשטימיג ערוועהלט אלס גרענדמייסטער פון דעם אָרדען. עס איז צו האפען אז אין דער צוקונפט וועט דער אָרדען ברית שלום מאכען גרויס פאָרשריט און עס איז כדאי דאס צו פארשרייבען אין דעם רעקארד פון פנקס.

דער פרעזידענט פון לאדזש אין 1940 איז אייב האפמאן.

טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה

(געווידמעט מיינע בעסטע גוטע פריינט מר, בערנארד דאנזאנסקי מיט זיין זוהן זיגמונד, צו דער ערעפענונג פון זייער נייעם טשאַפּעל, וועלכער איז א צירונג פאר וואשינגטאנער אידען—דעם ערשטען יאנואר, 1939.)

זיגמונד דאנזאנסקי

ווען מען זעהט דעם גרויסען שעהנעם טשאַפּעל קאן מען זעהן דעם גרויסען וואוקס פון אידען אין וואשינגטאן.

פון 1901, ווען איך האב זיך באזעצט אין וואשינגטאן, ביז 1939, ווען פריינט דאנזאנסקי האט געעפענט דעם נייעם טשאַפּעל, קען מען זעהן דעם גרויסען פאָרשריט וואס אידען האבען געמאכט סיי אין מאראלישען זין, סיי אין עקאנאמישען זין. קיין פאָלק זארגט ניט אזוי פאר איהרע ארימע ברידער ווי דער איד. קיין פאָלק ווייסט ניט פון גמילות חסדים אדער פון א חסד של אמת. דאס מיינט אז אידען זארגען פאר זייערע ארימע ברידער סיי לעבעדיגערהייט, סיי טויטערהייט. פאר אידען איז שטענדיג דער אנדערער איד א קרוב פון איין משפחה, ווארום דאס גאנצע אידישע פאלק איז אייגענטליך ווי איין גרויסע משפחה. דאס האב איך געקאנט זעהן אין וואשינגטאן. אידען זיינען זיך צוזאמענגעקומען פון ווייטע וועלט טיילען, פון פארשידענע מקומות, דאס ערשטע וואס זיי האבען געגרינדעט איז א שוהל מיט א בית-עולם. אָהן די צוויי זאכען קאן דער איד ניט עקזיסטירען. אן אמת'ע היסטאריע איז ווען דער

שרייבער אליין לעבט דורך וואס ער שרייבט, און דאס אליין וויל איך אייך געבען א קורצען איבערבליק פון 1901 ביז 1939 וואס איך האב דורכ־געלעבט אין וואשינגטאן. ווען מר. דאנזאנסקי האט געעפענט זיין שעה־נעם אידישען טשאַפעל. ווען דער יעליסאוועטגראַדער פעראיין האט געקויפט, אין 1911, די סעמעטערי און איך בין געווארען גבאי ראשון פון דער חברה קדישא האבען מיר געדארפט אויסקומען מיט א גוי־ישען אַנדערטייקער. עס איז געווען זעהר שווער נאַכצוקומען אלע דינים פון הלוית־המת וואס איז ביי אונז פון די גרעסטע מצוות. מיר האבען זיך ניט געקאנט העלפען, דער אידישער ישוב איז נאך געווען צו קליין צו האבען א ספּעציעלען אידישען אַנדערטייקער. די צייט איז געקומען אז דער אידישער ישוב האט זיך פיל פארגרעסערט אין וואשינגטאן קיין ע"ה; מען האט שוין געקאנט האבען א אידישען אַנדערטייקער, מען זאל ניט דארפען אַנקומען צום גוי. איך, אלס גבאי, האב איבערגערעדט מיט נאך איינינע גבאים פון די שוהלען ווענען א אידישען אַנדערטייקער אבער זיי האבען גארניט געוואלט הערען פון דעם. זיי זיינען שוין געווען צו־געוואוינט צום גוי און זיי האבען ניט באמערקט ווי אומפריינדליך דער גוי באציהט זיך צו א אידישע לויה. עס פלעגט ניט איינמאל אויסקומען פשוט א בזיון המת. אבער „מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל" זאגט אן אלטער פילאזאף, דער מענשליכער שכל קאן גאר ניט באגרייפען וואס די צייט קאן ברייננען. די צייט פארהיילט אלע וואונדען און מאכט פאר־געסען אלע פארדרוסען. ביז די צייט איז געקומען, אז דער גרויסער מענשען־פריינט און באוואוסטער כלל־טוער מר. בערנארד דאנזאנסקי איז געווארען א אידישער אַנדערטייקער, און פון 1919 ביז היינט היט ער דאס אפּ מיט אלע אידישע דינים, מיט אלע אידישע טראדיציעס כדת וכדין, און אויך מענשליך און פריינדליך. יעדער קלוגער מענש וועט צו־געבען אז א לויה מיט א מת, געטראגען אויף א מיטה געבונדען מיט שטריקלעך, מיט א שווארצען טוך איבערגעדעקט און דורך די שטריק־לעך קוקט ארוים דער מת מיט די ווייסע תכריכים וואלט אין די גאסען פון וואשינגטאן געווען א גרויל. די מנהגים פון הלוית־המת האט זיך געמוזט ענדערען ביי דער איצטיגער צייט אין אמעריקא. מיר אידען פיהרען זיך אלע מאל כמנהג המדינה. פילע פון די עלטערע אריבערגע־קומענע געדיינקען נאך פון דער אלטער היים ווען מען פלעגט מטהר זיין די מתים אין דער טהרה־שטיבעל אויף דעם בית־עולם און דער קברות־מאן פלעגט ארומגעהן אלע פרייטאג מיט א זאק אויף די פלייצעס נאך חלה אויף שבת, דאס איז געווען זיינע שכירות... דאס אלעס האט זיך געביטען אין אמעריקא. אויף דעם אָרט פון דער טהרה־שטיבעל האבען מיר איצט די שעהנע פיונעראל פארלארס; אויף דעם אָרט פון דער מיטה מיט שטריקלעך האבען מיר דעם שעהנעם טויטען־וואַגען, און דאס אלעס זיינען די נויטווענדיגע זאכען אין אמעריקא ביי דער היינטיגער

צייט וועלכע מיר לעבען איצט. מיר דארפען זיין שטאלץ וואס מר. בער־נאַרד דאנזאנסקי איז געוואָרען א אידישען אַנדערטייקער, ער טוט זיין הייליגע נאָבעלע ארבייט. א חוץ דעם איז מר. בערנארד דאנזאנסקי אריינגעווארפען מיט זיין גאנצער נשמה אין אלע אידישע געזעלשאפט־ליכע אינסטיטוציעס צו ארבייטער נאָר פאר דעם כלל. ער איז קיינמאל ניט געוועזען קיין קאבינעט־מענש, ער איז שטענדיג געווען א פאָלקס־מענש. ער איז א מענש מיט אינטעליגענץ, ער איז זעהר טאלעראנט צום צוויי־טען און אזוי איז אויך זיין זוהן זיגמונד וועלכער איז פארבונדען מיט איהם אין דער גרויסער אונטערנעהמונג. זיגמונד דאנזאנסקי איז אליין א העכסט אינטעליגענטער יונגערמאן, א קאלעדזש גראדיואירטער וועל־כער איז זעהר פעהיג אין זיין פאַך, און זוכט נאָר צו באהאנדלען אלעמען העכסט מענשליך און פריינדליך. מען קאן מיט רעכט זאגען אז א גוטער בוים גיט ארוים גוטע פרוכט. מיט אזעלכע איידעלע מענשען ווי דער טאטע מיט דעם זוהן מעגען וואשינגטאנער אידען שטאלצירען, און איך אליין פיהל זיך גליקליך און צופרידען וואס איך האב דערלעבט זעהן מיט מיינע אויגען אזא שעהנעם טשאַפּעל פון א אידישען אַנדערטייקער אונטער דעם נאמען: בערנארד דאנזאנסקי און זוהן.

דריי סקעטשעס

אליהו הנביא

א לעגענדע אין איין אקט און דריי בילדער

☆

זיי ווילען א זוהן א דאקטאר

א לעבענס בילד אין איין אקט מיט דריי בילדער

☆

דער רייכער אלמן

א לעבענס בילד אין צוויי אקטען מיט דריי בילדער

פון

משה אלעקס

אליהו הנביא

א לעגענדע אין איין אַקט מיט דריי בילדער

פּערזאָנען:

שמעריל שלים־מזל—א יונגער מאן פון א יאהר 35, זעהר א פאר־ברענטער חסיד, דערצו א גרויסער ארימאן און באפאלען מיט א האלבען טוץ קינדער.

גנענדעל, זיין פרוי—זי איז אויך די זעלבע יאהרען און איז גאר ניט צופרידען מיט איהר שלים-מזל.

אליהו הנביא—אן אלטער מאן.

די האנדלונג קומט פאָר אין א קליין שטעדטעל אין רוסלאנד וואו עס האט געוואוינט א רבי.

די ערשטע בילד

(א קליין אָרים געמעבלירטער צימער, אויף איין וואַנט הייגגט אן אלטער מזרח, אויף דער צווייטער וואַנט הייגגט א גרויסער אלטער פּאָרט־רעט פון משה מאנטעפיאר, ביי דער טיר הייגגט שמעריל'ס טלית-זאַק און אויך שמעריל'ס וואַכעדיגע קאפאטע. אין מיטען צימער שטעהט אן אלטער טיש מיט עטליכע ביינקלעך וואס סקריפּען שטארק ווען מען זעצט זיך אויף זיי. דער טיש איז פארשפּרייט מיט א ווייסען טישטוך. די לייכטער שטעהען נאך אלץ אויף דעם טיש. עס איז א סימן פון שבת. גנענדעל זיצטביים טיש און קוקט ארוים אין פענסטער. אין צימער איז טונקעל.

גנענדעל (צו זיך אליין)—שוין צייט צו זאגען גאט פון אברהם. (געהט צו צום פענסטער, וואַשט זיך די הענט און זאגט מיט א ניגון): גאט פון אברהם יצחק און יעקב און שרה, רבקה, רחל ולאה, באַהיט דיין פאלק ישראל פון אלעם בייז אויף א פולע וואָך. (אין דעם קומט אריין שמעריל).

שמעריל—א גוטע וואך, א גוטע וואָך גנענדעל לעבען, א גוטע וואָך.

גנענדעל—א גוטער יאהר דיר, מיין טייערער שמערעלע, א גוט יאהר, גאט זאל העלפען אז די וואך זאל שוין זיין א בעסערע ווי אלע וואָך, זאלסט שוין מעהר ניט הייסען שלים-מזל.

שמעריל—(צינדט אָן די הבדלה און גיט גנענדלען האלטען די הבדלה און שמעריל מאכט הבדלה) הנה אל ישועתי אבטח ולא אפחד כי עזי וזמרת יה ויהי לי לישועה ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה... (ענדיגט המבדיל בין קדש לחול).

גנענדעל—(זינגט צו מיט א ניגון) דער וואס האט געלט דעם איז וואויל...

שמעריל (זינגט)—המבדיל בין קדש לחול
חטאתינו הוא ימחול
זרענו וכספנו ירבה כחול
וככוכבים בלילה.

כאַהר—א גוטע וואך... א גוטע וואָך... א. אז. וו.
המבדיל בין קדש לחול
וואס טוט מען אז עס ניט אזוי וואויל?
זרענו פאראן וכספנו אני
דאס שטיקעל ברויט קומט אָן מיט מיה.

כאַהר—א גוטע וואך... א גוטע וואָך... א. אז. וו.

גנענדעל—הער נאָר שמעריל וואס איך וויל דיר זאגען. פון דיין זינגען זמירות וועט גאר ניט זיין, וועסט אויף ברויט אלץ ניט האבען.

שמעריל—(זינגט) אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי.

גנענדעל—(בייזלעך) איך זאג דיר דאָך עפּעס און דו מאכסט זיך ניט הערענדיג.

שמעריל—איך בעט דיך גנענדעל, מאך ניט קיין טענות אויף א פולע וואָך, לאז מיך פריהער אָפּזינגען אלע זמירות.

גנענדעל—איך וויל דיר נאָר פרעגען איין זאך מיין ליבער שלים־מזל, מיין טייערער מאנאלע, וואו וועלען מיר נעהמען מארגען אויף ברויט צו געבען די קינדער עסען. איך האב זיי געלייגט שלאפען הונגעריגע.

שמעריל (שטאַרק פארטראכט)—אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי.

גנענדיל (מיט כעס)—איך פרעג דאָך דיר שלימזל און דו זינגסט און ענטפערסט ניט.

שמעריל—אָ, גנענדעל, א לעבען אויף דיר, דו האסט מיר יעצט איבערגעשלאגען מיינע אלע געדאנקען. איך האב איצט געטראכט גאר פון הויכע געדאנקען.

גנענדעל—וואס האסטו זיך א שטייגער פארטראכט מיין טייערער שלימזל, האסט אפשר געטראכט ווי צו פארדינען אויף ברויט? וואס וועסטו אליין עסען און וואס וועל איך געבען די קינדער עסען?

שמעריל—איך קאן דיך ניט פארשטעהן, גנענדעל, נאָר דו האסט אין זינען עסען... עסען, אלע טאג דאס אייגענע, נאָר עסען... איך האב זיך איצט פארטראכט גאר פון הויכע געדאנקען. איך האב געזעהן אין די הייליגע ספרים אז אליהו הנביא איז גאר ניט געשטארבען, נאָר ער איז ארויף לעבעדיגערהייט אין הימעל און אז ער קומט אמאל אראפּ אויף דער ערד און צו וועמען ער באווייזט זיך ווערט יענער רייך.

גנענדעל—און איך וועל דיר ווייזען וואס איז האב געהערט אז די הייליגע ספרים שרייבען אז יגעתי מצאתי, אז מען זוכט געפינט מען. אויף פראַסט אידיש הייסט דאס, ארבייט מיידעלע וועסטו האבען א קליידעלע.

שמעריל—איך פרעג דיר אליין, גנעדעל, וואס זאל איך טאן, אז קיין ארבייט קאן איך ניט און צו געשעפטען טויג איך ניט. דיין טאטע האט מיר צוגעזאגט צעהן יאהר קעסט און האט מיר נאר געגעבען אַכט יאהר. קומט מיר נאך צוויי יאהר קעסט, און דעם נדן האט מען מיר אויך ניט אפּגעגעבען אין גאנצען, און א דאנק דעם אויבערשטען קומט צו אלע יאהר א קינדעלע און איך בין באפאלען מיט קינדערלעך, איבער א האל-בען טויט. דערצו האב איך א ווייב וואס וויל אלע טאג עסען. פרעג איך דיר אליין, וואס זאל איך טאן, וואס קאן איך טאן?

גנענדעל—איך וויל דאס מעהר ניט הערען פון דיר, שלים-מזל, הערסט וואס איך זאג דיר? טאג און נאכט האט ער טענות צום טאטען. אליין טויג ער צו גארנישט, א קאַץ אן עק צו פארבינדען טויג ער ניט און האט טענות אלע טאג צום טאטען.

שמעריל—אדרבה, גנענדעל, אז דו ביזט יא אזא קלוגע אידענע, גיב זשע מיר אן עצה וואס זאל איך טאן, ווי אזוי צו פארדינען אויף ברויט?

גנענדעל—ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען שמעריל, איצט איז שבת צו נאכט, געה צום רבי'ן צו דער מלוה מלכה, דארטען קומען זיך צונויף א סך געסט אויף שבת, דערצו רייכע געסט, אפשר וועסטו קאנען עפּעס פארדינען אויף מאָרגען אויף ברויט.

שמעריל—זעהסטו גנענדעל, איצט רעדסטו ווי א קלוגע אידענע. איך וועל דיך פאָלגען און געהן צום רבי'ן צו דער מלוה מלכה, טאמער וועט מיר עפּעס באגליקען...

גנענדעל—הער נאר שמעריל וואס איך וועל דיר זאגען, אזוי ווי דו ביזט דעם רבינ'ס א חסיד וויל איך אז דו זאלסט איהם עפּעס פרעגען. אלע ווייבער פאהרען צו איהם ער זאל זיי געבען קינדער, אבער דיין ווייב וויל ער זאל איהר געבען א סגולה ניט צו האבען קיין קינדער.

שמעריל—געה שוין, געה, נארישע אידענע, דער רבי קאן נאר מאכען ווייבער זאלען האבען קינדער אבער ער קאן ניט מאכען אז ווייבער זאלען ניט האבען קיין קינדער. א גוטע נאכט גנענדעלע, איך געה צו דער מלוה מלכה. (געהט ארויס זינגענדיג אליהו הנביא).

גנענדעל (צו זיך אליין)—ווי איך זעה איז די וועלט באשאפען געווארען ניט פאר די אָרימע. דער עיקר זיינען די רייכע. מען קאן דאס זעהן אַלע טאג, די רייכע ווערען רייכער און די אָרימע ווערען אָרימער. פארוואס גאט האט באשאפען אָרימע לייט ווייס איך ניט, איך בין טאקע ניט מעהר ווי א נארישע אידינע ווי שמעריל רופט מיך... ווי איך פאר-שטעה איז דאס אזוי געוועזן און אזוי וועט עס ווייטער זיין. (פארהאנג).

צווייטער בילד

(א פינסטערע נאכט, מען קאן גארנישט זעהן. שמעריל געהט צום רבי'ן. ער געהט און טאַפּט דעם וועג ווען ער זאל ניט פאלען איבער א ציג אדער איבער א בהמה וועלכע ליגען אין מיטען גאַס. אליהו הנביא קומט איהם אנטקעגען פארשטעלט פאר אן אלטען מאן מיט א לאנגע ווייסע באָרד.)

שמעריל—א גוטע וואָך, זיידעניו.

אליהו הנביא—א גוטע וואָך און א ליכטיג וואָך, יונגערמאַן.

שמעריל (קוקט זיך גוט צו צום אלטען)—א ליכטיגע וואָך זאגט איהר, זיידעניו, עס איז אזוי פינסטער אז מען זעהט ניט די וועלט.

אליהו הנביא—דער וואס האט ליכטיגע אויגען און א ריינע אמת-אידישע הארץ, מיין זוהן, קאן זעהן אין דער פינסטער אויך. תפלה און בטחון מיין קינד איז די באהעפטיגונג צווישען גאט און דעם מענש.

שמעריל—גערעכט זיידעניו, איהר זייט גערעכט, אבער וואס זאל איך טאן זיידעניו, אז מיין גאנץ לעבען האָבּ איך און זוך, האלט אין איין זוכען און האב גארניט געפונען. איך זוך פרנסה, איך זוך א שטיקעל מזל, אז מיין ווייב גנענדעל זאל מיך אויפהערען רופען שלימזל, און איך בלייב ביים זוכען.

אליהו הנביא—ביי אונז אידען, זונעניו, שפּילט דאס זוכען א גרויסע ראָלע. אין דעם ליגט דער גאנצער סוד פון אונזער קיום. בטחון, נאָר בטחון מיין קינד, איז אונזער ערשטע גרויסע מדה, און דער רבונו-של-עולם שטארקט און העלפט דעם וואס האט בטחון צו איהם ווייל אונזער גאט איז אן אל רחום וחנון. דער וואס בעט און האָפט צו איהם הערט ער זיך צו און העלפט. דער עיקר, זאג איך דיר נאכאמאל יונגערמאַן, נאָר בטחון, זאלסט ניט אָנווערען די האפנונג. דערצו מיין קינד זאלסטו זיין א ריינער מענש מיט א ריינע נשמה און א ריינע אידישע הארץ.

שמעריל (מיט א גרויסען זיפץ)—זיידעניו, איך האָבּ און בעט און האב בטחון שוין אזוי לאנג און וואס איז דער סוף דערפון? מיינע קינדערלעך הונגערען, איך אליין מיט מיין ווייב גנענדעל הונגערען, מיין גנענדעל רופט מיר שלימזל, שבת און יום-טוב האבען מיר קיינמאל ניט ווי אלע אידען. איך באקלאג זיך ניט אויף גאט חלילה... איך ווייס אז דער רבונו-של-עולם איז ניט קיין שלעכטער. מסתמא בין איך ניט ווערט.

אליהו הנביא—מיין זוהן, זאלסט וויסען זיין אז אונזער גאט דער גאט פון אברהם יצחק און יעקב פיהרט די וועלט מיט יושר, מיט רחמנות, מיט גערעכטיגקייט. יעדער דארום האט זיין ווארום, נאך יעדער פינסטערניש קומט באלד די ליכטיגקייט. זעהסטו מיין זוהן, איצט איז

שטאַרק פינסטער, א דיקע פינסטערניש באַדעקט גאָט'ס וועלט, און באַלד וועט קומען גאָט'ס שליח, די ליבע שיינענדע זון, מיט איהרע ליכטיגע שטראַהלען און וועט ליכטיג מאַכען די גאַנצע וועלט און עס וועט ווערען אַזוי ליכטיג אַז מענשען וועלען זיך בענשען מיט דער ליכט.

שמעריל—זיידעניו, איהר זייט גערעכט. איך האָב גרויס האָפע־נונג, אָבער וואו וועל איך פאַרט נעהמען מאָרגען צו געבען גנענדל'ן געלט צו געהן אין מאַרק אריין עפּעס קויפען? זי וועט מיך ווייטער רופען שלימזל. איך בין געגאַנגען זוכען עפּעס צו פאַרדינען, האָב איך זיך פאַר־רעדט מיט אייך און האָב פאַרגעסען אָן אַלץ.

אליהו הנביא—נאַ, מיין זוהן, איך גיב דיר די מטבעה וואָס איך האָב. לייג אַריין אין קעשענע און אַז דו וועסט קומען אהיים גיב זי א וואָרף אויפ'ן טיש וועט ווערען א סך מטבעות, וויפיל דו וועסט דאַרפען. נאָר דיינע מחשבות מוזען זיין ריין, מיין זוהן, דיין האַרץ מוז זיין ריין, גוט, אמת, ווארום גאָט האָט פיינט פאַלשקייט. נעם די מטבעות נאָר וויפיל דו וועסט דאַרפען, זיי ניט צופיל גייציג נאָך א סך געלט. גאָט האָט פיינט גייציגע מענשען.

שמעריל—ליבער טייערער זיידע, אייערע ווערטער זיינען מיר ווי א טייערער, ווי א גוטער באַלזאַם צום האַרצען. זאָגט מיר, לערענט מיר, פיהרט מיר, איך וועל אייך פאָלגען אַלץ. איך וועל זיין א גוטער איד און א גוטער מענש.

אליהו הנביא—זאָלסט ניט זיין קיין קמצן צו געבען א נדבה; זאָלסט ליב האָבען דעם צווייטען ווי זיך אליין; זאָלסט ניט זיין קיין רודף אחר הכבוד, גאָט האָט פיינט דעם וואָס לויפט נאָך כבוד; גאָט האָט פיינט א גדלן; גאָט האָט אויך פיינט דעם וואָס שטאָלצירט מיט זיין געלט. זאָלסט שעצען דעם צווייטען, זאָלט ניט דיינקען אַז דו האָסט געלט קומט דיר אַלעס, זאָלסט וויסען אַז געלט קאָן זיך זעהר גרינג אַוועקקייקלען פון דיר, זאָלסט שטענדיג זיין צופרידען מיט וויפיל גאָט האָט דיר געגעבען. (אליהו הנביא ווערט פאַרשוואונדען און שמעריל איז שטאַרק צוטומעלט).

שמעריל—אַי, דאָס האָט געקערט זיין אליהו הנביא. (זינגט אליהו הנביא, אליהו התשבי . . . (פאַרהאַנג).

דריטער בילד

(דער זעלבער אָרימער צימער, גנענדעל זיצט ביים טיש און דרע־מעלט, הויבט זיך אַלע ווייל אויף און געהט אַרום זעהר בייז).

גנענדעל (צו זיך אליין)—נאָך איז ער ניטאָ מיין שלימזל, עס איז שוין באַלד טאָג און ער איז נאָך ניטאָ. די קינדער וועלען באַלד אויפ־שטעהן און איך האָב זיי ניט וואָס צו געבען עסען. איך וועל איהם אָפּשפּילען א חתונה, דעם שלימזל.

שמעריל (לויפט אריין צושראקען)—גנענדעלע מיין ווייב, מיר זייַנען גליקליך! מיר וועלען שוין מעהר ניט הונגערען. (זינגט) אליהו הנביא אליהו התשבי...

גנענדעל (דערשראקען)—וואס איז מיט דיר די שמחה, דו ביזט משוגע געווארען? די קינדער וועלען באלד אויפשטעהן, וועלען ניט האבען וואס צו עסען און ער זינגט.

שמעריל (גיט א ווארף די גאלדענע מטבע אויפ'ן טיש און עס ווערט א פולער טיש מיט גאלדענע מטבעות)—נו גנענדעלע, וואס האב איך דיר געזאגט? אליהו הנביא קאן רייך מאכען גיך א מענשען. איך האב איהם באגעגענט און מיר זיינען איצט רייך. קינדער שטעהט אויף אלע, זעהט גאט'ס נס...

גנענדעל (בלייבט זיצען ווי פארשטיינערט. זי קנייפט זיך די הענט, זי פאטשט זיך די באקען, זי דיינקט אז דאס זעהט זי אלעס אין חלום)—איצט מ׳ין טייערער שמערעלע וועל איך דיר שוין ניט רופען שלימזל. איך וועל דיך רופען מיין טייערער מזל. נאר איין זאך, שמערעלע, מיר זיינען פלוצלונג געווארען אזוי רייך, איך האב עפעס מורא, שמערעלע...

שמעריל—געה, ביזט א נארישע אידענע. איך האב דיר אלע מאל געזאגט אז מען דארף האבען בטחון און דערפאר האט אונז גאט געהאלפען. איצט דארפען מיר טראכטען עפעס וואס צו טאן. דאס ערשטע דארפען מיר דאנקען גאט פאר דעם גרויסען נס וואס ער האט געטאן מיט אונז. מיר וועלען זינגען דעם אלטען ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער'ס דודעלע, א לויב צו גאט. (ביידע זינגען):

רבונו של עולם,
רבונו של עולם,
רבונו של עולם, איך וועל פאר דיר א דודעלע זינגען,
דו, דו, דו, דו.

איה אמצאכה ואיה לא אמצאכה,
אוואו קאן איך דיך יא געפינען
און אוואו קאן איך דיך ניט געפינען,

אז וואו איך געה, דו,
און וואו איך שטעה, דו,

רק דו, אלץ דו, ווידער דו, אבער דו,

דו, דו, דו, דו.
איז א מענשען גוט, דו,
חלילה שלעכט, דו,
דו, דו, דו. (ביידע זינגען).

מזרח דו, מערב דו, צפון דו, דרום דו,
דו, דו, דו, דו.
שמים דו, ארץ דו, מעלה דו, מטה דו,
דו, דו, דו, דו,
אוואו איך קער זיך, וואו איך ווענד זיך אלץ דו,
דו, דו, דו, דו. (ביידע זינגען).

שמעריל—איצט מיין ווייב, דארפען מיר אָנהויבען פיהרען א נייע לעבען. מיר מוזען קלערען פון א תכלית.

גנענדעל—אדרבה, זאג דו מיין טייערער שמערעלע, וואס זאלען מיר טאן, דו ביזט דאך דער חכם, איך האב דיך שטענדיג געפאלגט, איך וועל דיך איצט אויך פאָלגען.

שמעריל—גראַדע האב איך לעצטע וואך געלייענט א בריף פון משה יאָשען חיה טריינעס איידעם פון אמעריקא אז ער איז שוין א פרעזידענט געווארען אין אמעריקא.

גנענדעל (גיט זיך א כאַפּ)—א פרעזידענט אין אמעריקא? איז ער כאטש גוט צו אידען?

שמעריל (מיט א שמייכעל)—ניין, גנענדעלע, ער איז א פרעזידענט אין א גרויסען לאדזש אין וואשינגטאן, דארט וואו דער אמת'ער פרעזידענט וואוינט. איך וועל דיר זאגען, גנענדעל, איך האב באטראכט צו פאהר'ען קיין אמעריקא, ווארום דאָ אין שטעדטעל וועל איך שטענדיג הייסען שמעריל שלימזל. משנה מקום משנה שם.

גנענדעל—דו ביזט גערעכט מיין מאן, מיר וועלען פאהרען קיין אמעריקא, מיר וועלען קומען פארטיגע נגידים וועסטו קאנען ווערען א פרעזידענט, גבאי, אפילו א שמש אויך.

(זינגען ביידע א לויב צו גאט)

רבונו של עולם, ווי גרויס זיינען דיינע וואונדער,
דו האסט רחמנות אויף דיינע אָרימע קינדער;
גאָטעניו, ווי גרויס איז דיין גנאָד,
לאָמיר ביידע טאַנצען א קאראהאד. (ביידע טאַנצען).

(פאָרהאנג פאלט).

זיי ווילען א זוהן א דאקטאר

א לעבענס-בילד אין איין אקט מיט דריי בילדער

פערזאָנען:

טודרעס זיסקינד—א איד פון א יאהר 50, א געוועזענער וואָל-ענדלער אין א קליין שטעטעל אין רוסלאנד, איצט אן אונטער-פרעסער ביי הויזען אין א שאָפּ אין נויארק.

טעמע, זיין פרוי—א הויכע אידענע אין די זעלבע יאהרען. זי האט זיך איינגערעדט אז זי וויל א זוהן א דאקטאר.

סעמעלע—זייער בן יחיד, א בחור פון א יאהר 20, זעהר א צובאלעווע-טער, וויל ניט לערנען.

האנדלונג קומט פאָר אין נויארק.

ערשטע בילד

(א געוועהנליכער צימער פשוט אויסגעמעבלירט אויף דעם אלטען יוראפּעישען שטייגער, אין מיטען צימער א גרויסער קיילעכדיגער טיש, ארום טיש שעהנע טשערס, ביי איין זייט א שאַפע מיט אלטע ספרים נאך פון דערהיים, ווען טודרעס פלעגט קומען פון שאַפ פלעגט ער אריינקוקען אין זיי אוים געוואוינהייט פון דער אלטער היים. ביי דער צווייטער זייט אן אלטער בופעט מיט געפעס פון אלערליי קאָלירען. טודרעס זיצט אין א בריימען ראקינג-טשער, נאָר וואס געקומען פון דער ארבייט און לייענט דעם „מאָרגען זשורנאַל“. טעמע דרעהט זיך ארום אין צימער און גיט אלע ווײלע א זיפץ און קוקט ארוים אין דער טיר גלייך ווי ערוואַרטעט אימיצען).

טודרעס—נאַרישע אידענע, וואס זארגסטו זיך אזוי? ער וועט קומען דער תכשיט דיינער.

טעמע—דו ביזט זעהר שלעכט צו איהם, טודרעס. אונזער סעמעלע איז א קינד ווי אלע קינדער. וואס ווילסטו ער זאל זיין אנדערש פון אלעמען? ווייסט דאך אליין אז מען איז יונג לעבט מען, געהט מען, טאַנצט מען, מיט מיידלעך, מיט באָיעס, מען געהט אין טעאטער. וואס דען ווילסטו פון א קינד? ער זאל זיצען כסדר אין הויז אזוי ווי מיר, וואס מיר האבען שוין אפּגעלעבט אונזער וועלטעל?

טודרעס—יא, אבער ער האלט דאך אין איין ארומלויפען. ער איז דאך קיינמאל אהיים ניטא. קומט צולויפען גיט א קיי און ער איז שוין ניטא. גרויסע געשעפטען פיהרט ער דער קדיש דיינער (זיפצט) אָי טעמע טעמע, ניטא דאס אמאליגע לעבען מיט אמאליגע קינדער. יא, מיין ווייב,

דאס לעבען געהט זיך זיין וועג. וואס ווייסען די היינטיגע קינדער פון עלטערען, פון א היים, פון אידישקייט? זיי זיינען ווי פרעמדע אין הויז. געפרעסען, געזויפט, געהאט א גוד טיים, ווי זיי רופען דאס, און דאס אלעס. (זיפצט). און איך אליין בין א שקלאף ביי יענעם, פארקויפט ניט נאר די עולם־הזה נאר אויך אפילו די עולם־הבא. פע, א פאסקודנע וועלט דיין אמעריקא, ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב, ניט קיין היינט, ניט קיין מארגען, פע. (זיפצט) אך־אך.

טעמע—וואס זיפצסטו אזוי טודרעס לעבען? דארפסט ניט זיפצען. מיר האבען א גוטען גאט. מיר דארפען האפען אז פריהער גאט און דער־נאך אונזער סעמעלע. ער וועט ווערען דאקטאר און ער וועט אונז געבען א גוטען עלטער.

טודרעס—פארוואס זאל איך ניט זיפצען אז איך דערמאן זיך אין וואס פאר א לאגע איך געפין זיך, אז טודרעס זיסקינד, דער גרויסער וואל־הענדלער פון יאמפאלע פרעסט אונטער הויזען אין אמעריקא. דער פארמאן טרייבט מיט דער לאנגער בייטש: שנעלער... שנעלער... מאכען וואס מעהר ארבייט. מען איז פארקויפט אין גאנצען מיט דעם לעבען, מען פארגעסט אין גאנצען אז מען איז א מענש, מען פארבויגט אין גאנצען דעם אייגענעם איך, און דא איז נאך צוגעקומען א נייע צרה—די רעכטע מיט די לינקע—מען איז ניט זיכער מיט דעם דזשאב, מען איז ניט זיכער אין גאנצען מיט דעם לעבען, און אז איך קום אהיים האב איך נחת פון מיין תכשיט. איך זאג דיר טעמע אז מיר געהן שוין אוים די כחות, איך קאן שוין ניט שטעהן מיט דעם אייזען א גאנצען טאג.

טעמע—און איך זאג דיר טודרעס, אז דו זארגסט זיך אומזיסט. דו וועסט ניט דארפען שטעהן לאנג מיט דעם אייזען. אונזער סעמעלע וועט אין גיכען ווערען א דאקטאר און דו וועסט ניט דארפען מעהר אר־בייטען. דו וועסט געבען א שפיי אין גאנצען אויף דעם שאפ מיט די הויזען, מיט דעם פארמאן, מיט די לינקע מיט דעם באס, דיין לאנדסמאן, וואס טוט דיר א טובה.

טודרעס—זע אידענע ווי נאריש דו ביסט, דו חלומ׳סט חלומות אין דער וועלט אריין. ווי אזוי קאן ער זיין א דאקטאר אז ער לערענט ניט ריכטיג. ווען ער דארף מאכען די לעסאנס געהט ער טאנצען.

טעמע—און איך זאג דיר נאך אמאל מיין מאן, אז דו טשעפעסט זיך צום קינד אומזיסט. איך וועל דיר זאגען, מיין מאן, אז די נעקסט־דאריגע וועט נאך צופוקעט ווערען קוקענדיג ווען אויף אונזער טיר וועט זיין צוגעשלאגען א גאלדענער סיין מיט גרויסע ווערטער „דאקטאר סעם זיסקינד“, און איך וועל ארומגעהן אנגעטאן מיט א ווייסען פארטוך און וועל עפענען די טיר פאר מיין דאקטאר׳ס קאסטימערס. דער גאנצער האל שכנים וועלען מיר מקנא זיין.

ט ו ד ר ע ס—איך האב מורא מיין ווייב אז ביז מיר ווילען דערלעבען די נחמה וועט ארויס די נשמה.

ט ע מ ע—היינט ווער רעדט נאָך אז איך וועל קומען אין גראסערי און צום בוטשער, אלע ווייבער ווילען קוקען אויף מיר און זיי ווילען זאגען, אָט גיהט דעם דאקטאר'ס מאמע. איך שטעל זיך פאָר ווי די ווייבער ווילען מיר מקנא זיין, און דו מיין מאן, אז דו וועסט האבען שטעכעניש אדער ברעכעניש אדער לויפעניש, וועט דיר שוין קיין געלט ניט קאסטען, דו וועסט קאנען קריינקען אָהן געלט, דו וועסט האבען דיין אייגענעם דאקטאר.

ט ו ד ר ע ס—נו, אז מיר ווילען לעבען ווילען מיר זעהן.

ס ע ם (קומט אריין, פאלט פון די פיס שיכור) — גוד איווינינג פאָ, גוד איווינינג, מאָ.

ט ו ד ר ע ס—ער איז שוין געקומען פארשנאָשקעט מיין גרויסער דאקטאר. איך דיינק אז די נעקסט-דאָריגע וועט זיין גערעכט. ער וועט אזוי זיין א דאקטאר ווי איך וועל זיין נאכאמאל א וואָל-הענדלער.

ס ע ם (פאלענדיג פון די פיס)—אַי פאָ, האב איך פארבראכט... איך בין געווען ביי דזשעני'ן... דו ווייסט דאָך דזשעני, דיין לאנדסמאן צי-בולניק, זיין דזשעני... מיר האבען געטרונקען היי-באָלס, קאקטיילס, געטאנצט מיט מיידלעך... אַי פאָ, אי, מאָ, אלע מיידלעך זאגען אז איך האב הענט פון א דאקטאר.

ט ו ד ר ע ס—און איך זאג דיר אז דו האסט א קאָפּ פון א קליין שטעטעלדיגען בעל-עגלה.

ט ע מ ע—גענוג שוין צו ערגערען דאס קינד. זעהסט דאך אז ער שטעהט קוים איין אויף די פיס. (צו סעמ'ן) קום מיין קינד, זוהנעלע מיי-נער, דאקטאר מיינער, מיין נחת, קום וועל איך דיר העלפען זיך אויסטאן, קום מיין טייערער. (גיט איהם א קוש אין קאָפּ).

ס ע ם (שיכורהייט)—מאָ, קאָנסט דזשעני'ן... אַי איז דאס א דזשעני, זי האט דעם גאנצען אווענד געטאנצט מיט מיר, זי האט געשרי-ען אז זי טאַנצט מיט דעם צוקונפטיגען דאקטאר. (זינגט אונטער א לידע-לע, געהן ביידע אוועק).

ט ו ד ר ע ס (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ)—יאָ, א מאָדנע וועלט. אפשר בין איך מאָדנע, איך קאן ניט פארשטעהן מיין ווייב מיט איהר דאקטאר. איך דיינק אז טודרעס דער וואָל-הענדלער איז געשטארבען...עס איז גאר א נייער טודרעס געבארען געווארען. (געהט אוועק מיט אן אראפ-געלאזען קאָפּ).

(פארהאנג פאַלט).

צווייטער בילד

(די אייגענע רומס אויפגערצאמט שבת׳דיג. אויף דעם טיש אויסגע־שפרייט א קלאָר־ווייסער טישטוך. ביי איין עק טיש ליגען צוויי געפלאָכ־טענע קוילעטשען איבערגעדעקט מיט א ווייס קליין טישטוכעל. אין מיטען טיש שטעהן א פאר מעשענע אויסגעריבענע לייכטער, נאָך גע־בראכט פון דער אלטער היים. די ליכט ווארטען אז טעמע זאל שוין קומען בענשען. דערביי שטעהט א פאַראַפין מיט ווייץ מיט א גרויסען זילבערנעם בעכער, אויך געבראכט פון דער היים. טעמע אליין אָנגעטאָן שבת׳דיג, רייץ, ציכטיג, געהט צו צום טיש בענשט ליכט. טודרעס קומט אריין פון שאַפּ. די ארבעל פארקאטשעט, דאס העמד צושפּילעט ערשט פון דער ארבייט).

טודרעס—גוט שבת טעמעלע, גוט שבת. ביי דיר איז שוין שבת. איך האב ערשט אוועקגעווארפען דאס אייזען. איך האב נאך געוואלט געהן הערען דעם חזן ביי אונז אין שוהל, אבער עס איז שוין צו שפּעט.

טעמע—געה מיין מאן, וואַש זיך ארום, טו זיך איבער און ווער שבת׳דיג. דו וועסט געהן הערען דעם חזן אן אנדער פרייטאג.

טודרעס (צו זיך אליין)—א ברירה האב איך? (געהט אוועק און קומט צוריק איבערגעטאָן מיט א ווייס העמד, מיט א נייעם סוט, צוקעמט די פארפלאָנטערטע באָרד פון א גאנצע וואָך. געהט ארום איבער דער שטוב און איז מקבל שבת, זינגט שלום עליכם, מאכט קידוש און טעמע מיט א שיינענדען פנים ענטפערט אמן).

טעמע—געה טודרעס, וואַש זיך און געה עסען. סעמעלע וועט באלד אריינקומען, זאל מיר זיין פאר זיין קאפּ.

(טודרעס וואַשט זיך און זאגט שאו־ידיכם הויך און זעצט זיך צום טיש העכסט אידישלעך, גאר ווי אמאל אין דער היים, זיסקינד דער וואָל־הענדלער).

סעם (לויפט אריין ווילד מיט א סיגאר אין מויל, מיט א געשריי): גוט שבת פּאַ, גוט שבת מאַ.

טודרעס (שטאַרק בייז)—תרבית יונגאטש איינער, דרך־ארץ פאר דער מאמעס בענטש־ליכט.

טעמע (מיט א שמייכעל)—שאַ... שאַ... טודרעס, זיי ניט בייז, א קינד, האט ער פארגעסען אז עס איז שבת. מען טאר ניט זיין אין כעס, היינט איז שבת. (אלע זעצען זיך עסען).

טודרעס (גיט א שטאַרקען זיפץ)—אָך, אָך, איך זיץ איצט, טעמע, און באטראכט אונזער שעהנעם געדעקטען טיש, דאכט זיך פרייטאג צו נאכט, העכסט אידישלעך, נאך אן אנדיינק פון דער אלטער היים, אבער איך קאן דיר זאגען, טעמע, אז עס איז נאָר נאָכגעקרימט. אָט דער אבער

פארשטערט מיר דעם גאנצען לעבען. שטעל זיך פאָר, נאָך אזא שבת׳־דיגער הייליגקייט דארף איך געהן גאנץ פרי צו דער ארבייט. שבת צוריק אין שאַפּ. א גאָלדענע אמעריקא, האַ טעמע, וואס זאגסטו?

טעמע—זעהסט אליין אז דו ביזט ניט איינער אין אמעריקא וואס ארבייט שבת, אז דו וועסט ניט ארבייטען שבת וועסטו ניט האבען וואס צו עסען זונטאג...

טודרעס—אָט דאס איז דאך די גאנצע צרה וואס יעדער שניידט זיך צו די אידישקייט אויף זיין מאָס, ווי עס פּאַסט פאר איהם. דער אר־בייטער מעג ארבייטען שבת, ער דארף מאכען א לעבען. די באָסעס, זעהר שעהנע בעלי־בתים, מזרח־וואַנט אידען, האלטען אָפען שבת די געשעפטען, די שעפער, האבען א תירוץ, די קינדער האלטען אָפען, ניט זיי. דאס מעג מען. יעדער פּסק׳נט זיך צו ווי עס פּאַסט פאר איהם... אונזער פרעזידענט האלט א גוי׳שע גראסערי. ניט איינמאל טרעפט אז שבת אין דער פרי איז ער זעהר ביזי. ער אוספּייעט ניט אפּוואַשען די הענט פון דעם חזיר, ווארפט אראפּ דעם קויטיגען פארטוך און קומט אין שוהל אריין, און טאקע מיט די פעטע הענט טיילט ער אויס עליות און נעמט זיך די פעטסטע עליות, טאקע מיט די פעטע הענט.

טעמע—מיין מאמע, דעם ליכטיגען גן־עדן זאל זי האבען, פלעגט זאגען אז מיט געלט קאן מען זיך אויסקויפען אפילו אויף יענער וועלט אויך... זעהסטו מיין מאן, נאָר געלט דארף מען האבען.

טודרעס—געלט, שמעלט... קיין מענש קאן ניט וויסען די ענדע. יעדער מענש פיהרט זיין גאנץ לעבען א רעכענונג און דעם לעצטען רע־כענונג קאן קיינער ניט אונטערפיהרען. מען בלייבט ניט דעררעכענט... האסטו געקאנט זיך רעכענען אז טודרעס זיסקינד, דער יאמפּאָלער וואָל־ענדלער, וועט זיין אן אונטערפרעסער ביי הויזען אין נויארק?

טעמע—איך וועל דיר זאגען טודרעס, אז דו וועסט עלטער ווערען וועסטו שוין גאר ניט דארפען ארבייטען (קוקט צו סעמ׳ן) אונזער סע־מעלע וועט ווערען א דאקטאר און ער וועט שוין זארגען פאר אונז אויף דער עלטער. האַ, סעמעלע, וואס זאגסטו?

סעם—יאָ, יאָ, מאמע, זאלסט זיך גאר ניט זארגען. אז איך וועל ווערען דאקטאר... אַי, אַי, אַי. (פאר׳גנב׳עט זיך און גיט א ציה דעם סיגאר...)

טודרעס—איך קען דיר זאגען טעמע, אז אן ארבייטער טאר מען גאר ניט ווינשען צו ווערען אלט, צו שטעהן אויף דער עלטער אין שאַפּ און אונטערפרעסען הויזען איז זעהר א שלעכטער וואונש, און דאס וואס דו האפסט אויף סעמעלען ער זאל ווערען א דאקטאר, קאן איך דיר זאגען אז ביז דער תכשיט וועט ווערען דאקטאר וועט משיח קומען, אלע טויטע וועלען ווערען לעבעדיג און אלע קראנקע וועלען געזונט ווערען און מען

וועט ניט דארפען קיין דאקטוירים.

טודרעס—היינט זיינען די פיש זעהר געראטען. מיר האבען זיך אביסעלע פאררעט צופיל. נאך אזעלכע גוטע פיש דארף מען זינגען זמירות און לאמיר ניט וואכעדיג מאכען אונזער עונג שבת. (אלע נעהמען זינגען זמירות. טודרעס זינגט און טעמע מיט סעמ'ען העלפען אונטער).

כל מקדש שביעי כראוי לו
כל שומר שבת כדת מחללו
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

(טודרעס, שטארק באגייסטערט פון די זמירות, זינגט ווייטער)

מנוחה ושמחה אור ליהודים
היטלער איז אצונד
פאר אידען א גרויסע וואונד
נאך ערגער פון המנ'ן אמאל;
היטלער, די גרויסע צרה
וועט ווערען די כפרה
פאר כל ישראל.
אֵי וועט זיין מנוחה, אֵי וועט זיין שמחה
אֵי מנוחה, אֵי ושמחה, אור ליהודים.

(זינגענדיג פליעסקען אלע מיט די הענט און געהן טאנצענדיג אוועק).
(פארהאנג פאלט).

דריטער בילד

(אין צעהן יאהר ארום. די אייגענע רום נאר זעהר אפגעלאזט. טודרעס זיצט לעבען טיש איינגעבויגען, שטארק אלט, גרוי. זיצט שטארק פארזארגט. די צעהן יאהר האבען איהם געבראכען אין גאנצען. הויבט זיך אויף און שפאנט ארום איבער דעם רום, ברעכט די הענט. טעמע שטעהט לעבען איהם, אויך שטארק פארעלטערט. אויף איהר זעהט זיך אן דער עלטער שטארקער ווי אויף טודרעס'ן. סעם איז געווארען א טראק דרייווער, חתונה געהאט, האט שוין צוויי קינדערלעך און איז א גרויסער ארימאן.

טעמע—וואס געהסטו ארום אזוי פארזארגט, טודרעס, וואס וועט דיר העלפען די זארג?

טודרעס—איך טראכט איצט טעמע, פון אונזער ביטערער עלטער. ארים, עלענד, קראנק, אפגעארבייט מיינע עטליכע יאהר וואס איך בין אין אמעריקא אויף די באסעס. איצט בין איך אן אויסגעשפיגענער. ניט אומזיסט פלעגט אין מיר וויינען דאס הארץ ווען איך פלעג זאגען „אל תשליכנו לעת זקנה“. גאטעניו, פאר וואס קומט מיר אזא שרעקליכער עלטער? דו געדיינקסט טעמע, איך פלעג דיר זאגען אז אונזער תכשיט

האט א קאפּ פון א בעל-עגלה? דער אונטערשייד איז נאר, אין דער היים טרייבט א בעל-עגלה א וואגען מיט פערד און דאָ טרייבט ער א וואגען אָהן פערד

טעמע—וואס קאן איך דיר זאגען, מיין מאן, איך האב געדיינקט גאר אנדערש. מיינע שונאים זאלען האבען איין קינד און איין העמד. הער נאר טודרעס וואס איך וועל דיר זאגען, געה צו דיין קאָזין משה ליב, ער פלעגט דאך קומען צו דיר אלע מאל נאך א גמילות חסד.

טודרעס—איך בין שוין געוועזן ביי מיין קאזין. אמעריקא האט איהם גאר ניט איבערגעמאכט. ער איז געווען דארט א גראָבער יונג און איז דאָ א גראָבער יונג.

טעמע—געה צו אונזער לאַנדסמאַן חיים הערש. פלעגסט איהם געבען אלערליי עצות, פלעגסט ארומלויפען פון זיינטוועגען אומעטום —טאמער וועט ער אונז קאנען העלפען מיט עפּעס.

טודרעס—איך בין שוין געוועזן ביי חיים הערש'ן אויך. איך קאן דיר זאגען טעמע, אז דאנקבארקייט איז איינע פון די שעהנסטע מידות ביי אונז אידען, און דאך איז זעהר זעלטען צו געפינען אז א מענש זאל זיין דאנקבאר דעם צווייטען. ער האט מיר געגעבען אן עצה איך זאל געהן צו די טשאַריטיס אדער אין מושב-זקנים, און איך ווינש ניט מיין גרעסטען שונא אַנקומען צו טשאַריטי אדער אין מושב-זקנים.

טעמע—ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען טודרעס, וואלסט אפשר געגאנגען צו דיין באָס, דו האסט דאך ביי איהם געארבייט אלע דיינע יאהרען, דו האסט ביי איהם אוועקגעלייגט אלע דיינע כחות, עס קאן זיין אז ער זאל דיר איצט ארויסהעלפען.

טודרעס—איך קאן דיר זאגען מיין ווייב, אז דער באָס האט מיך באדארפט ווען איך בין געווען אינגער, שטאַרקער. ער האט געקאנט וואס מעהר אויסזויגען מיין בלוט, וואס מעהר אויסקוועטשען מיין מאַרך, האב איך געטויגט פאר איהם, אבער איצט, אויף דער עלטער, בין איך אן אויסגעשפּיגענער, א פארגעסענער. ער דארף מיר מעהר ניט האבען. אַט דאס איז דער לעבען פון דעם באָס מיט דעם ארבייטער. אזוי איז דאס געווען און אזוי וועט דאס זיין ביז דער קאפּיטאל וועט הערשען איבער דעם ארבייטער.

טעמע—מיר זאגט דאס הארץ אז מיר וועלען ענדיגען אונזער לע-בען אין מושב זקנים. (וויינט. סעם קומט אריין) גוט מארגען טאַטע, גוט מאָרגען מאמע.

טודרעס—וועל, איך וויל דיר טאקע זעהן, סעם. עס געהען אוועק חדשים ביז מען זעהט דיך. די אלטע טאַטע-מאַמע זיינען דיר שוין איבעריג.

סעם—וואס קאן איך דיר זאגען, טאַטע, אז איך בין אליין אויף

גרויסע צרות. איך קאן זיך אליין ניט העלפען, וואס קאן איך אייך העל־פען? איך האב חתונה געהאט און בין א גרויסער קבצן, איך קאן קיין לעבען ניט מאכען. בעסער וואלט איהר מיר געלערענט זיין א פּרעסער ווי א דאקטאר.

טודרעס—זעהסטו סעם, דאס ביזטו גערעכט. אונז האט זיך געוואלט האבען א זוהן א דאקטאר, זעהסטו וואס פון אונז איז געווארען? דיינע אלטע טאַטע־מאַמע האלטען זיך קוים אויף די פיס. מיר זיינען געבליבען אויף דער עלטער אָרים, עלענד, קראנק, אלט.

סעם (גיט זיך א כאַפּ)—יאָ פּאַפּאַ, מאמע, איך בין אייך געקומען זאגען א מיר קומט שוין מזל־טוב. איהר האט שוין א ניי איינִיקעל.

טעמע (גיט זיך א כאַפּ מיט גרוים פרייד)—אָי, סעמעלע מיין טייערער, מזל־טוב דיר, זאל זיין מיט מזל. ווען וועסטו ברייננגען מיר ווייזען דאס נייע איינִיקעל?

טודרעס—זארג זיך ניט טעמע, איינִיקלעך וועט ער ברייננגען נאך א סך ווייזען.

טודרעס (צו סעמ'ן)—הער אוים מיין קינד, איך בין שוין אלט און קראנק. איך האב איבערגעלאָזט אלע מיינע כחות ביי די באַסעס אין די שעפּער. ווער ווייסט וויפיל איך וועל זיך נאך האלטען מיט אייך, וויל איך דיר איבערלאָזען עטליכע ווערטער צום לעבען:

קינדער זיינען ווי פון א בוים די צווייגען
זיי שאַפען די עלטערען וואונדערליכען פּראַכט;
דורך קינדער קאן מען אמאל הויך שטייגען
און דורך קינדער קאן מען ווערען אמאל אויסגעלאכט.
מיין קינד, איך וויל דיר נאָר גוט ערקלערען
מיר האבען פון דיר אויך אמאל אָנגעקווועלט;
צום טאַטענס רייד זאלסטו זיך צוהערען
זאלסט ערציהען דיינע קינדער ניצליך צו דער וועלט.

סעם—פון היינט אָן טאטע, הער איך זיך צו דיינע רייד. איך וועל טאָן אלעס וואס דו וועסט מיר הייסען. איך בין שוין אליין אויך א טאטע פון דריי קינדער, און פון איצט אָן וועל איך זיין מיט אייך און מיר וועלען לעבען אלע אינאיינעם, כאטש איך בין ניט קיין דאקטאר, איך בין ניט מעהר ווי א טראָק דרייווער. איך געה שוין ברייננגען מיין חיה גיטלען מיט אלע אייערע איינִיקלעך.

טודרעס—נו טעמע, וואס זאגסטו איצט צו דיין דאקטאר?

טעמע און טודרעס (הויבען אויף די הענט צו גאט)—מיר דאנקען דיר גרויסער גאט פאר דיין חסד וואס דו האסט געטאָן מיט אונז. ענדליך האבען מיר געפונען אונזער גליק. מיר האָבען פארלארען א דאק־טאר אבער מיר האבען געפונען אונזער זוהן.

(פארהאנג פאַלט).

דער רייכער אלמן

א לעבענס-בילד אין צוויי אקטען מיט דריי בילדער

פערזאנען:

ר' אנשעל גוטערמאן — א געוועזענער אָרימער פעדלער, איצט אן אויפגעקומענער ריעל עסטייטניק, א איד א יאהר 50, זעהר א פראָסטער גוטער מענש, דערצו א פארזעסענער אלמן.

יוכבד—זיין שוועסטער, מיט איהם אין איינע יאהרען, א פארבליבענע עגונה באלד נאך דעם ערשטען יאהר נאך דער חתונה. זי איז שטענדיג מיט ר' אנשלען.

בתיה—פארצויגען בעסעלע—זיין איינציגע טאכטער, א מיידעל פון א יאהר 20. זי איז ביי איהם זעהר טייער, צוליב איהר איז ער געבלי־בען אן אלמן.

מאכליע—א גרינע קוזינע, א מיידעל פון א יאהר 30. ר' אנשעל האט זי ניט לאנג אראָפּגעבראכט פון יוראפּ.

טשארלי דרעהקאפּ—א יונגערמאן פון נויארקער ליידיג-געהער, פלעגט אריינגעהן צו ר' אנשעל, פלעגט אָפט כאפּען ביי איהם א פאר דאלאר אין ריעל עסטייט. ער פלעגט ליב האבען זאגען ווערטלעך, פון יעדער זאך א ווערטעל.

א רב, א חזן, א שמש און אויך א סך לאנדסלייט.

די האנדלונג קומט פאָר אין נויארק אין דער צייט פון פראָספּעריטי אויף ריעל עסטייט.

ערשטער בילד

(א שעהן אויסגעמעבעלירטער גרויסער צימער מיט שעהנע נייע מעבעל, צוזאמען מיט איניגע שטיקלעך אלטע מעבעל געבליבען פון די אלטע צייטען, מיט וועלכע ר' אנשעל וויל זיך ניט געזעגענען. ביי דער זייט אין צימער שטעהט א פיאנא אויף וועלכער בעסעלע לערנט זיך שפּילען. יוכבד דרעהט זיך ארום אין צימער אָנגעטאן אין א ווייסען פארטוך, מיט די שליסלעך פארשטעקט אין גאַרטעל. זי איז די גאנצע באלעבאָסטע אין הויז. מאכליע, א הויך געוואקסען מויד מיט א גרויסען בוזים אביסעלע צו גרוים פאר אן אמעריקאנער מיידעל זיצט און לייענט א ביכעל, זי לערענט זיך ענגליש. בעסעלע שוין העכסט אמעריקאניש אָנגעטאן און אפגעשווירען די האר אזוי ווי א אינגעל, זיצט און פיהרט מיט די פינגער איבער דער פיאנא. ר' אנשעל גוטערמאן, א איד מיט

ברייטע פלייצעס, הויך און שטאַרק, מיט א קיילעכדיג ארומגעשוירענע שווארצע באָרד אין וועלכער עס ווארפט זיך שוין דורך געווג גרויע האָר, אָנגעטאן גאנץ שעהן, נאָר עס דערקענט זיך נאך אביסעל דער פעדלער).

ר' אנשיל (קומט אריין)—גוט מאָרגען אייך אלעמען, גוט מארגען.

יוכבד (מיט גרויס דרך ארץ)—א גוטער יאהר דיר מיין ברודער, א גוטער יאהר.

בעסעלע (לויפט צו צו ר' אנשלען און גיט איהם א קוש)—גוד מאָרנינג פאפאלע, גוד מאָרנינג. דו ביזט שוין געווען אין דער באנק אויך, און אטענדעט וואס איך האב דיר געבעטען? איך דארף דאס זעהר נויטיג.

מאכליע (הויבט זיך אויף פון טשעָר)—א גוטער יאהר אייך, מר. גוטערמאן.

יוכבד—דו ביזט הונגעריג אנשיל, אָט וועל איך גרייטען צום טיש. עס איז שוין פארטיג דער אָנבייסען, וועלען מיר געהן עסען.

ר' אנשיל—יא מיין שוועסטער, מיר וועלען געהן עסען ווארום איך דארף געהן גיך אין אפיס. דארטעןווארטען שוין אויף מיר עטליכע קאַסטימערס. (ער וואשט זיך די הענט און ווישט זיך אָפּ מיט א ווייסען האנטוך און אלע געהן עסען).

ר' אנשיל (קייענדיג)—הער מיין שוועסטער, איך קאן זיך ניט צוגעוואוינען צו אייערע נייע געקעכצען וואס דו מיט בעסעלען ווילען מאַכען נייע מאכלים. ווער דארף האבען אייערע טשאָפּס, סטייקס, ווער דארף דאס? קאָך מיר בעסער ווי אמאל, הערינג מיט בולבעס, א בולבע קוגעל. אַי איז דאס געווען גוט.

יוכבד (שמייכלענדיג)—ניין מיין ברודער, ניין, דו ביזט שוין ניט מעהר אנשעל דער אָרימער פעדלער, דו ביזט איצט מר. גוטערמאן, דער רייכער ריעל עסטייטניק. דו דארפסט זיך פיהרען ווי אלע רייכע פיהרען זיך. דו ווערסט איצט געפינען אין אייז באקס פון אלצדינג וואס דיין הארץ גלוסט, טאָרט, פיינקוכען, שטרודעל מלכות ברייטלעך. מעגסט פארגעסען די אמאליגע יאהרען. מיר האבען זיך גענוג אָנגעהונגערט ווען דו ביזט געווען אן אָרימער פעדלער.

בעסעלע (גלעטענדיג איהם)—יאָ, יאָ, פאפאלע, די טאנטע יוכבד איז גערעכט, דו ביזט איצט א רייכער ריעל עסטייטניק דארפען מיר זיך פיהרען ווי אלע רייכע פיהרען זיך. פארגעס אָן די אלטע פיהרעכצען פון אמאל...

ר' אנשעל—איך קאן דיר נאר זאגען טעכטערעל, אז די היימישע עסענס זיינען פאָרט געווען געשמאַקער פון אייערע אמעריקאנער עסענס. שטעל זיך פאָר, בולבעס מיט הערינג, דערנאך א גוטע זראזשע, א ראסעל פלייש, איינגעהאקטע לעבערלעך מיט גענזענע גריבענס, א גוטע פעטשא

פון קעלבערנע פיסלעך, געפילטע העלזלעך, א לאָקשען קוגעל וואס זאל
ווײנען אין טעלער... אַי איז דאס גוט, בעסער פון אײערע טשאַפּס,
סטייקס. (צו מאכליען) וואס זאגסטו מאכליע, דו ביזט דאך ניט לאנג
געקומען פון יוראפּ. געדיינקסטו נאך די יוראפּשע עסענס?

מ א כ ל י ע—איך ווייס נאך גארניט פון דעם רייכען לעבען. מיר
האבען אין דער היים געדאנקט גאָט אז מיר האבען געהאט א שטיקעל
ברויט מיט הערינג. וואס מען עסט ביי די רייכע אין אמעריקא ווייס איך
ניט, איך האב געהערט אז רייכע עסען א סך. מיך וואונדערט נאָר ווי
מיין קוזינע יוכבד האט זיך אזוי גיך אויסגעלערענט זיך פיהרען ווי די
רייכע...

ר' א נ ש ע ל—איך וועל דיר זאגען מאכליע, געלט לערענט אויס
אלעס. דו וועסט זיך שפּעטער אויסלערנען אלעס.

ב ע ס ע ל ע (קושענדיג ר' אנשלען)—פּאפּאלע טייערער, דו קאנסט
שוין אויסשרייבען טשעקס. גיב מיר א טשעק. איך דאַרף האבען, איך
וועל גענהן מיט דער טאַנטע איינקויפען איניגע זאכען צום הויז און אויך
א פּאר דרעסעס פאר מיר און מאכליען.

ר' א נ ש ע ל (צופריעדענדיג ביידע הענט צום הארצען)—גאָטעניו,
טייערער פאטער, הארציגער טאַטע, איז דאס טאקע אמת אז דיין אנשעל
קבצן קאן שרייבען טשעקס אויף גאנצע הונדערטער, און טויזענטער?
יאָ טאכטערעל, אז מען האט געלט קאן מען זיך אויסלערנען אלעס...
נעם בעסער שרייב אוים די טשעקס וויפיל דו דארפסט, און 500 דאלאר
א טשעק צו דעם מושב זקנים און 500 דאלאר צו דער תלמוד תורה, 300
דאלאר צום גמילות חסד. זאלען זיי וויסען אז זייער לאנדסמאן אנשעל
דער אָרימער פעדלער האט נאך דאס אידיש הארץ ווי אמאל. איך וועל
אלעמאל געבען אויף אלע אידישע צדקה אנשטאַלטען מיט מיין גאנצער
נשמה. (צו מאכליען) און דו מאכליע, פון היינט אָן געהסטו שוין מעהר
ניט ארבייטען. דאָ וועט זיין דיין היים ביז גאָט וועט דיר העלפען, דו
וועסט חתונה האבען. (צו יוכבד'ן) און דו מיין שוועסטער, וועסט אויף
איהר אכטונג געבען. זאל זי אויך וויסען אז זי האט א רייכען קוזין אין
אמעריקא.

מ א כ ל י ע (מיט גרויס פרייד)—איך דאנק אייך ר' אנשעל, איך
דאנק אייך און איך האָף אז אייערע ווערטער וועלען מקוים ווערען.

ט ש א ר ל י ד ר י י ק א פ (לויפט אריין. א הויכער דאַרער יונגער
מאן מיט טשארלי טשאַפּלינ'ס וואָנצעלעך, די הוט פארוקט אויף הינטען,
פארטראגען אין ביזנעס, אריינגעלאפען ווי א ווירבער, אויסגעשריען צו
איטליכען האלא! האלא! און צו ר' אנשלען)—גוט מאָרגען אייך ר' אנ-
שעל, גוט מארגען אייך, אז מען זוכט געפינט מען. איך בין געקומען
און געפונען פונקט ווי געוואונשען, איך בין טאקע זעהר הונגעריג.

יוכבד—אָט דאס הייסט א גוטער פריינט, ער דערשמעקט ווען צו קומען.

טשארלי—איך, טשארלי, ווייס ווען צו קומען. אויף דערשמעקען עפּעס איז טשארלי א בריה, איינער אין דער וועלט. אזוי ווי די צייטען, אזוי די לייטען. דאכט זיך עס שמעקט געפילטע העלזלעך.

ר׳ אנשעל (צו יוכבד׳ן)—גיב עפּעס צום טיש, זאל ער עסען. ער איז הונגעריג. זאל ער וויסען אז פון אנשעל דעם פעדלער געהט מען ניט ארוים הונגעריג. (גיט בעסעלען די טשעקס) נאַ, טעכטערעל, שיק אוועק באלד די טשעקס.

טשארלי (מיט זיינע ווערטעלעך)—אז מען האט די מטבעה האט מען די דעה...

בעסעלע (באקוקט די טשעקס)—פּאפּאלע טייערער, אצינד פאר־דינסטו ביי מיר א קוש. (גיט איהם א קוש) גוד באַי פּאפּאלע, גוד באַי אייך אלעמען, גוד באַי טשארלי, עסט ניט אזוי גיך. (געהט אוועק).

ר׳ אנשעל—א קינד בלייבט א קינד. זי ווייסט ניט דאס גוי׳שע ווערטעל, „מאַיעש הראַשע אום“, דאס מיינט אז דו האסט געלט האסטו שכל.

טשארלי (קייענדיג אויף ביידע באַקען)—אַי גאטעניו, גאטעניו, וואו נעמט מען דאס. (טשארלי הויבט זיך אויף און זינגט און אלע העלפען איהם).

געלט, זאגט מען, איז גאר ניט
אבער געלט איז גאר א סך.
האסטו געלט איז דיר גוט,
געלט איז די שטארקסטע זאך.

אלע—אויף דריי זאכען שטעהט די וועלט,
אויף געלט... און געלט... און געלט...

קיין זאך איז ניט פון דיר פארשטעלט
ווען דו האסט געלט אין דער האנט;
פאר דעם רייכען איז באשאפען די וועלט,
געלט צוברעכט די שטארקסטע וואַנט.

אלע—אויף דריי זאכען שטעהט די וועלט,
אויף געלט... און געלט... און געלט...

טשארלי—איך האב שטענדיג געזאגט אז מיט געלט קאן מען א סך העלזעלעך מיט קישקעלעך עסען און מיט געלט קאן מען אין אלע צרות פארגעסען.

יוכבד (צו ר׳ אנשלען)—איך האב דיר אלעמאל געזאגט מיין ברו־דער, זאלסט ניט זאָרגען, זאלסט נאָר האָפען צו גאָט, וועט דיר גאָט

העלפען. דער מענש דארף לעבען נאָר מיט בטחון צו גאָט וועט אלעס זיין גוט. מיט א פאר יאהר צוריק ביזטו געווען אנשעל דער אָרימער פעדלער און היינט ביזטו מר. גוטערמאן דער רייכער ריעל עסטייטניק און גיסט גאנצע פינף הונדערטער אויף צדקה.

ר' א נ ש ע ל—יאָ, יאָ, מיין טייערע שוועסטער, דער מענש טאָר ניט פארלירען זיין האפענונג.

ט ש א ר ל י — וואס זיצט עפעס אונזער גרינע קוזינע אזוי אראפּ־געלאזט די נאָז? געפעלט איהר אפשר ניט אמעריקא? אז מען האט ניט וואס מען וויל, דארף מען ניט זיצען שטיל.

מ א כ ל י ע—אָ ניין, מיר געפעלט שוין גאָר גוט אמעריקא. איך האב געהאט גרויסע האפענונגען צו אמעריקא, פריהער צו גאָט און דערנאָך צו מיין קוזין.

ר' א נ ש ע ל—איצט זאלסטו זיך ניט זאָרגען, מאכליע, אלעס וועט זיין גוט ווי צום בעסטען, מיט גאָט'ס הילף.

ט ש א ר ל י (גיט א פּאַטש מיט די הענט)—איז דאך טאקע גוט, וויל איך עפּעס זינגען. (נעמט זינגען „די גרינע קוזינע“, טשארלי מיט מאכליען טאנצען).

(פארהאנג פאַלט).

צווייטער אקט, צווייטער בילד

(דער אייגענער צימער. עס זעהן זיך אָן די צוגעקויפטע נייע מעבעל. בעסעלע פיהרט די הויז אויף דעם רייכסטען שטייגער, נאך די לעצטע מאָדע. ר' אנשעל זיצט ביים טיש, די שעהנע באָרד צוקעמט, אָנגעטאן אין א שווארצער יארמעלקע און א פאר גאלדענע ברילען אָנגערוקט אויף דער נאָז און קוקט אריין אין א טשעק בוך. קעגען איהם זיצט יוכבד און ציהט איבער א שנירעל היימישע קרעלען).

ר' א נ ש ע ל—ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען מיין שוועסטער, אז מען קאן משוגע ווערען טראכטענדיג פון וואנען עס נעהמען זיך די טשעקס. עס וואקסען די טויזענטער אין די ביינק אזוי ווי עפּעל אין א סאָד. אָט קויפט מען, ווי זיי רופען דאס, א פּאַרסעל און אָט פארקויפט מען דאס און פון האַנט אין האַנט מאכט מען אמאל 5000 דאלאר און אמאל 8000 דאלאר. מען גיט וויפיל מען הייסט זיך געבען.

י ו כ ב ד—וואס־זשע זינדיגסטו מיין ברודער, איז דאָך גוט. דארפסט דאנקען גאָט פאר דעם און אויך וואס גאָט האט דיר צוגעשיקט אזעלכע ארענטליכע פארטנערס.

ר' א נ ש ע ל—יאָ מיין שוועסטער, עס איז אלעס גוט, איך בין רייך, געזונד, אבער... אבער...

יוכבד—וואס ווייטער אבער, מיין ברודער, באטראכט נאָר דעם טשעק בוך דיינעם, דו האלסט אין איין שרייבען טשעקס.

ר' אנשעל—מיט דיר מיין שוועסטער, מעג איך זיך דורכריידען. איך בין טאקע א פראָסטער מענש, פון דער היים א געוועזענער בעל־עגלה, אבער מיין הארץ איז זעהר א גוט הארץ. גאט האט מיר געגעבען, גיב איך יענעם. דערפאר גיב איך אויף אלע צדקה אנשטאלטען. זאלען אלע פון מיר הנאה האבען. איך געדיינק גוט ווען איך בין געקומען אין אמעריקא. פון דער היים א בעל־עגלה, האב איך ניט געהאט צו וואס נעהמען זיך עפּעס טאן, בין איך געווארען א פעדלער. ניט איין שטיין האב איך געכאפּט אין קאָפּ פון די איירישע באָמס. איך בין גענוג פאר־שוואַרצט געווארען ביז איך האב אראפּגעבראכט שיינדלען, א ליכטיגען גן־עדן זאל זי האבען. זי האט ניט דערלעבט צו זעהן דעם נחת, מיין רייכקייט. דערנאָך איז זי געשטארבען פון קינפּעט ווען בעסעלע איז געבארען געווארען. איך בין געבליבען עלענד און אָרים מיט א קליין יתומה'לע, בי דו ביזט געקומען צו מיר און איך האב באַשלאָסען ניט חתונה צו האבען איבער צוויי אורזאכען, ערשטענס ניט צו געבען בעסע־לען א שטיף־מאמע און צווייטענס צו פארגרינגערען דיר דיין לעבען, העלפען דיר איבערטראגען דיין אייביגע שטראָף.

יוכבד—איך זעה דאס און פיהל דאס מיין ברודער. דיין טעכ־טערעל זאל געזונד זיין האב איך דיר געהאלפען אויסהאדעווען, זעהר א שעהן מיידעל, און פון מיר איז שוין אפּגערעדט, איך בין שוין אן אלטע אידענע, איך וועל שוין אזוי אפּלעבען מיין שטיקעל וועלט, איך וועל דיר קיין סך ניט מעהר דאקוטשען.

ר' אנשעל—איצט יוכבד, אלס מיין שוועסטער, וועל איך פאר דיר אויסריידען מיין הארץ. איך קאן דיר זאגען אז בעסעלען האב איך שוין באוואָרענט, איך האב אויף איהר נאָמען אוועקגעלייגט 15 טויזענט דא־לאר, דאס מיינט נדן, א חוץ וואס איך וועל איהר געבען אנדערע געלטען אויף אויסגאבען. זי וועט אין גיכען חתונה האבען מיט דעם מאנופעק־טשורער פון העמדער, מיט דעם וואס זי געהט ארום שוין א שטיקעל צייט, און איך וועל אויף דער עלטער בלייבען עלענד. ווען איך בין געווען אן ארימער פעדלער האב איך דאס ניט אין זינען געהאט, אבער איצט אז איך פארמאג אזויפיל טויזענטער וואלט נאך א מענש געקאנט הנאה האבען פון דעם...

יוכבד—זאָג מיין ברודער, דו ווילסט חתונה האבען, שעם זיך ניט.

ר' אנשעל (שטארק פארשעמט)—האסט געטראפען מיין שוועס־טער, חתונה האבען.

יוכבד—נו, זאג דיין לאנדסמאן, הערשעל פופעק, ער איז דאך א שטיקעל שדכן, ער וועט דיר שוין אויפזוכען עפּעס א שטיקעל סחורה.

ר׳ א נ ש ע ל—איך דארף ניט קיין שדכנים וועלכע זאלען פאר מיר געפינען, איך האב שוין אליין געפונען. פון מיין זייט איז שוין אלעס פארטיג. איך קאן דיר זאגען אז איך דיינק חתונה האבען טאקע מיט אונזער קוזינע מאכליע. וואס, אפשר ניט גלייך?

י ו כ ב ד—אַהאַ, איצט פארשטעה איך פארוואס דו האסט איהר ניט געהייסען געהן ארבייטען. נו, דו האסט שוין מיט איהר גערעדט?

ר׳ א נ ש ע ל—ניין, איך האב נאך מיט איהר גאָר ניט גערעדט דערפון. דו אלס א שוועסטער און איהרע א קוזינע, וויל איך אז דו זאלסט מיט איהר ריידען. (מאכליע קומט אריין מיט א ווייסען טישטוך אין די הענט גרייטען צום טיש).

ר׳ א נ ש ע ל (צו יוכבד׳ן)—מיין שוועסטער, עס הויבט אָן שווינד־לען אין קאָפּ פון גרויסע רעכענונגען מיט די טשעקס, מיט די טויזענטער, איך בין שוין מיד. (געהט אוועק).

מ א כ ל י ע—זעהט יוכבד, ר׳ אנשעל האט איבערגעלאזט זיין טשעק בוך...

י ו כ ב ד—איך קאן דיר זאגען מאכליע, אז דו ווילסט קאן ער זיין דיינער.

מ א כ ל י ע (שטארק פארוואונדערט)—וואס הייסט, איך וויל, ווי אזוי קאן איך וועלען א פרעמדען טשעק־בוך?

י ו כ ב ד—יאָ, יאָ, מאכליע, דאס וואס דו הערסט, און איך קאן דיר נאך א סך זאגען, ניט אזוי דער טשעק־בוך נאָר אלעס וואס מיין ברודער פארמאָגט קאן זיין דיינס, זאלסט נאר וועלען. באדיינק זיך נאָר.

מ א כ ל י ע (דערציטערט)—איך קאן נאך אלץ ניט פארשטעהן וואס איהר רעדט.

י ו כ ב ד—איך וועל דיר זאגען מאכליע, מיין ברודער איז פון די מענשען וואס לייכגער זיי לעבען אלץ קלאָרער ווערט זייער געדאנק, און וואס עלטער די דאָזיגע מענשען ווערען אלץ בכבוד׳ער ווערט זייער אוים־זעהן. אזא סאָרט עלטער איז א כבוד און א פארגעניגען. אין אזא עלטער איז פאראן שעהנקייט, און דאס מיין איך טאקע, מאכליע, דארפסט שוין פארשטעהן וואס איך מיין.

מ א כ ל י ע—ניין, יוכבד, איך קאן ניט פארשטעהן וואס איהר מיינט.

י ו כ ב ד—איך וועל דיר זאגען אָפען. מיין ברודער האט זיך בא־דיינקט חתונה צו האבען, און פארוואס טאקע ניט מיט אונזער אייגענע קוזינע? גלויב מיר מאכליע, דו וועסט מאכען א סך בעסער ווי מיט די יונגע צוציקעס. ער איז רייך, ער ווערט אלע טאג רייכער, ער איז גוט ווי א מלאך. גלויב מיר ער וועט דיך טראגען אויף די הענט, ער וועט דיר גיסען גאלד אין האַלז אריין. דאס וואס ער איז עלטער פון דיר מאכט ניט אוים, דארפסט איהם ניט קאכען אין טאָפּ.

מ א כ ל י ע—גלויבט מיר יוכבד, איך קאן אייך גאר ניט זאגען אויף דער הייסער מינוט. עס קאן טאקע זיין אז איך וועל גליקליך זיין מיט איהם, אבער איך וויל זיך גוט מישב זיין. דאָ שטעהט פאַר אן ערענסטער שריט. איך וויים נאך אליין ניט דערוייל וואס צו טאָן. דער מענש מיט פארשטאנד ווייסט דעם אמת פון דעם אלטען ווערטעל, וואס אַלט איז ניט יונג.

י ו כ ב ד—נאך א זאך האב איך דיר פארגעסען צו זאגען, אז בעסעלע געהט שוין חתונה האבען מיט איהר מאנופעקטשורער. ער גיט איהר זעהר א גרויסען נדן, און איהר וועט בלייבעןביידע אליין, און אויב דו וועסט ניט וועלען אז איך זאל זיין מיט אייך וועל איך אוועקגעהן. איך וועל מיר געפינען אן אָרט.

מ א כ ל י ע (אָנכאפענדיג יוכבד'ן ביי די הענט)—ניין, ניין, יוכבד, איך וועל אייך קיינמאל ניט אפלאזען פון מיר. איהר זייט מיין מאמע, מיין פריינט, איך בין זעהר עלענד אין אמעריקא אָהן אייך.

י ו כ ב ד—איך פארשטעה מאכליע, אז אזא זאך טאָר מען ניט כאַ־פען. זיי זיך גוט מישב און זעה וואס דו האסט צו טאָן.

(ר' אנשעל, בעסעלע, און טשארלי קומען אריין אלע אינאיינעם).

ט ש א ר ל י (מיט זיינע ווערטלעך)—אַן אַפטער גאסט פאַלט אָפט צו לאסט, אבער ניט טשארלי, ווען טשארלי קומט איז מיט מזל.

י ו כ ב ד (מיט גרוים פרייד)—יאָ, יאָ, עס איז טאקע א סימן מזל.

ט ש א ר ל י (טאנצענדיג)—איך בין טאקע געקומען זאגען ר' אנש־לען אז די פארסעלם האט מען שוין פארקויפט, מען האט געמאכט שעהנע טויזענטער דאלאר, און איך טשארלי, האב אויך געמאכט עטליכע דאלאר (מיט זיינען ווערטלעך) ווארום לויפען און קויפען טויג ניט... אז מען האט די מטבע האט מען די דעה...

ב ע ס ע ל ע—און איך בין אויך געקומען זאגען דעם פאפאלע אז מר. אייזמאן האט מיר געגעבען א דיימאנד רינג און מיר געהן אין גיכען חתונה האבען. (אלע לויפען צו און קוקען אַן דעם דיימאנד רינג).

ר' א נ ש ע ל (אויפהויבענדיג ביידע הענט צו גאט)—איך דאנק דיר גאטעניו פאר דיינע גרויסע חסדים וואס דו טוסט מיט מיר (צו מאכליען) נו, און דו דו מאכליע, וואס וועסטו מיר אָנזאגען?

מ א כ ל י ע—איך בין נאך גאַר גרין אין אמעריקא, איך קאן נאך גאר ניט זאגען.

י ו כ ב ד—איך דיינק מיין ברודער, אז מאכליע וועט דיר אָנזאגען גאר א גרויסען מזל טוב...

ט ש א ר ל י (פאטשענדיג מיט ביידע הענט)—אָי, מזל, מזל, וואו נעהמט מען דיך? (זינגט)

דארט זעה איך א פרעזידענט אין א שוהל
עם פאסט איהם גיכער ביי דער טיר צו שטעהן,
ער טיילט עליות וועמען ער וויל.
ווייסט איהר פארוואס, זאָלט איהר פארשטעהן—

אלע—וויל מזל... מזל דארף מען האבען,
מזל דארף מען האבען... א. אז. וו.

דארט זעה איך א מאן פון 60 יאהר
מיט א מיידעל פון 18 צו דער חופה געהן.
פרעג איך אייך, איז דאס א גלייכע פּאָר?
דעם ענטפער קאנט איהר אליין פארשטעהן—

אלע—וויל מזל... מזל דארף מען האבען,
מזל דארף מען האבען... א. אז. וו.

(אלע געהן אוועק זינגענדיג).

(פארהאנג פאַלט).

דריטער בילד

(דער אייגענער צימער נאָר אביסעל איבערגעשטעלט דאס מעבען. יוכבד זיצט אויסגעפּוצט מיט איהר יום־טוב'דיגע קלייד ווי א מחותנת'טע צו א חתונה. אנטקעגען איהר זיצט מאכליע אויך יום־טוב'דיג, אין א ווייסער קלייד מיט א רויטע בלום ארייגעשטעקט נאָר א ביסעלע צו־שראָקען, מען קען הערען ווי דאס הארץ קלאפּט איהר).

יוכבד—נו, מאכליע, אלעס האט זיך אויסגעלאזט זעהר גוט. דארפסט זאגען דאנקען גאט, דו ווערסט א רייכע ליידי, ווי מען זאגט אין אמעריקא.

מאכליע—טייערע יוכבד, איך ווייס אליין ניט וואס צו זאגען. איך ווייס נאר אז איך בין אן עלענדע יתומה, אָהן א טאטען און א מאמע. (וויינט).

יוכבד—געה שוין, געה קינד וואס דו בייזט. מסתמא איז אזוי באַ־שערט. ער איז דיין אמת'ער באשערטער. דו וועסט זעהן אז דו וועסט קיין חרטה ניט האבען.

מאכליע—יוכבד, איך האב אייך געפאָלגט ביז אהער און איך וועל אייך ווייטער פאָלגען. איהר זייט ביי מיר פאררעכענט פאר א מאמע.

ר' אנשעל (קומט אריין אויסגעפּוצט ווי א חתן, א שעהנעם נייעם סוט מיט א ווייסער וועסט, די גאלדענע קייט פון דעם זייגער צוליינגט

איבערן בויך. די באָרד שעהן צוקעמט, אביסעל ארומגעשארען און זאגט מיט א געמאכטען בייזער)—וואס האסטו זיך אוועקגזעצט דאָ יוכבד? עס וועלען שוין באלד קומען דער רב, דער חזן און דער שמש. זיי וועלען באלד שטעלען די חופה. (צו מאכליען) און דו מאכליע, האסט שוין אלעס פארזארגט וואס דו דארפסט האבען?

יוכבד—דו ביזט גערעכט מיין ברודער, איך האב זיך אוועקגעזעצט דאָ און דארט האב איך איבערגעלאזט אלעס אליין. מען קאן דארטען צושלעפען אלצדינג. (געהט אוועק).

ר' אנשעל (צו מאכליען)—וואס זיפצעסטו אזוי, דו פיהלט עפּעס ניט מיט אלעמען? דו האלסט אין איין זיפצען, איך קאן ניט פארשטעהן וואס דו זיפצעסט.

מאכליע—ווער זיפצט?

ר' אנשעל—דו זיפצסט.

מאכליע—ניין, ר' אנשעל, איך האב ניט וואס צו זיפצען. קיינער האט מיר ניט געטויט דערצו.

ר' אנשעל—זאלסט וויסען מאכליע, אז פון היינט אָן בין איך דיינער און דו ביזט מיינע, ביז אייביג, אויף אייביג.

מאכליע (אויפהויבענדיג דעם קאָפּ)—יאָ, ר' אנשעל, אזוי איז דאס, אזוי האב איך אפּגעמאכט מיין געדאנק און אזוי וועט דאס בלייבען. איך בין אייערע...דיינע אויף אייביג, אזוי האב איך אפּגעמאכט. (גיט איהם די האנט).

ר' אנשעל—איך וועל דיר זאגען מאכליע נאך א זאך. בעסעלע האט נעכטען חתונה געהאט ביי א ראביי אין הויז און איך האב זיי גע-געבען נאך 5000 דאלאר זיי זאלען מאכען א לוסט-רייזע קיין יוראפּ, און ביז זיי וועלען קומען צוריק וועלען מיר שוין האבען חתונה געהאט. זיי וועלען אונז שוין טרעפען אין אן אנדער הויז, און מיר, מאכליע, וועלען מיר פראַוועו א עכטע היימישע אידישע חתונה, נאָר צוליב דיר.

(טשארלי קומט אריין מיט דעם רב, דעם חזן און דעם שמש מיט די חופה אין די הענט).

ר' אנשעל (צום רב)—נו, שוין אלעס פארטיג? מען קאן שוין שטעלען די חופה.

דער רב—נו, נו, מען דארף פריהער שרייבען די כתובה.

דער רב (זעצט זיך צום טיש)—חתן-לעב, ווי אזוי רופט מען אייך אויף צו דער תורה?

ר׳ אנשעל—ר׳ אנשעל ב״ר קלמן לייב הלוי.

דער רב—נו, און די כלה?

ר׳ אנשעל—די כלה הייסט מאכליע בת ר׳ קאפעל זלמן. (דער רב רופט צו די עדות, זיי שרייבען זיך אונטער).

דער שמש—נו, אלץ איז שוין פארטיג. חתן קומט דעקט צו די כלה. אונטערפיהרערס נעהמט דעם חתן מיט דער כלה, פיהרט זיי צו דער חופה. (יוכבד קומט אריין מיט א קאָפּטע מענער, ווייבער און אלע מחותנים. די קלעזמער נעהמען שפילען דעם חופה מארש, אלע מחותנים האלטען ליכט. די ווייבער באשיטען דעם חתן מיט רייז און קענדי. דער רב איז מסדר קדושין, דער חזן זינגט אוים מאכענדיג די ברכות און ר׳ אנשעל צוברעכט דאס גלעזעל... עס ווערט א געשריי) מזל טוב, מזל טוב. (די קלעזמער נעהמען שפילען א פריילילכם—חתן כלה מזל טוב— אלע מחותנים טאנצען, נאר טשארלי מיט יוכבד׳ן טאנצען אליין זעהר פרעהליך, „די גרינע קוזינע״...)

(פארהאנג פאלט).